


# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 254 פרשת בשלח · תשפ"ה


# קריעת ים סוף בדורינו

איך ווער דערטראנקען אינעם שטורעמישן וואסער, ווען פון אלע זייטן קומען צו גיין שווערע כוואליעס / די היינטיגע שידוכים קריזיס / וואו טרעפט מען א גוטע דזשאב 33.

**קוק אהער:**
נאך א בעבי, נאך א בעבי!

**אלץ און אלעמען:**
וואו געפינט זיך דער בנין פון איש חסיד היה?

**היסטאריע בלעטער:**
היסטארישע בריוו!

**קרית ברסלב בלעטל**

פרשת בשלח תשפ"ה • 254




## דער לוסטיאנע שיף
6




## אימיגראציע סאמאטוכע!
10



## נייע פארזעצונג אי"ה
35

12 מעשיות פון תפילה

18 היכל הלכה

27 ברסלב'ע שטוב

39 קינדער בלעטל



**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
אברהם יצחק אייזנער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
ל. סאקס
ש. טראכטער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול



צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידיש שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069

צו אדווערטייזן אדער ארייגשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארייגצושיקן עדס איז זונטאג 1:00


## זמנים
בשלח י' שבט

הדלקת הנרות ..05:04
מוצאי שבת ......06:35

**מנחה מעריב**
פרשת יתרו
06:20









Eli Friedman PRODUCTIONS

# הזמנת כבוד




מוצ"ש פרשת יתרו - י"ז שבט הבעל"ט יומא דהילולא של מוהרא"ש ז"ע

## סדר המעמד

**נטילת ידים** 8:30

**זמירות** 9:10

**יושב ראש המעמד**

**מו"ה זושא פריעדמאן הי"ו**

9:00

**א בליק אויף צוריק**

אינהאלטסרייכע

לייוו שמועס מיט

**מו"ה שאול חיים איינהארן הי"ו**

**און מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו**

9:40

**דבר המוסד** מו"ה לייבי ראטה הי"ו 10:00

**חלוקת פרסים** 10:10

דער אווענט איז
פאר אלע אנ"ש
מיט די משפחות

## משא המעמד
## מורינו ראש ישיבה שליט"א

10:20

א שיינע מתנה וועט
פארטיילט ווערן פאר
אלע באטייליגטע

**ברכת המזון** 11:00

THE HCS RESORT

720 Heiden Rd,
South Fallsburg,
NY 12779

*sruliHeskel

# בריוו צו די רעדאקציע

## א מזל טוב פארן חשובן שרייבערין

עס איז באקאנט פאר אלע,
אן קיין צווייפל אין שאלה,
עס איז עפעס ספעציעל ווען מאנטאג קומט צו גיין.

צום שיעור מיר טוען לויפן,
חיזוק און עצות זיך איינקויפן,
מען קען עס נישט מסביר זיין, מען דארף עס שפירן אליין.

וואס איז באקאנט נאר פאר אונז,
אונזער חשובער האוסט האט א קינד,
יעדער טוט שפירן די וויכטיגסטע איז זי.

זי נעמט אונז אויף מיט אזא שמחה,
צו מאכן שפירן גוט איז זי א מומחה,
עס איז אזוי געשמאק די שיעורים אין מאנסי.

מזל טוב מיר וואונטשן אצינד,
פאר די ניי געבוירן קינד,
עס איז א פערזענליכע שמחה פאר יעדן באזונדער.

דער באשעפער זאל איר צאלן צוריק,
מיט געזונט פרנסה און גליק,
הויפענעס אידיש נחת פון איר לעכטיגע קינדער.

ב. ע. ל.

## איבער די ארטיקל פון ג. פעקעטע

לכבוד די רעדאקציע. איך וויל זיך באדאנקען פאר די הערליכע אויסגאבע וואס די גאנצע משפחה גרויס און קליין, קען זיך מחזק זיין מיט דעם רבינ'ס עצות.

איך האב ספעציעל הנאה געהאט פון די ארטיקל פון ג. פעקעטע, פרשת בא; די מעשה פון ליבי - וואס האט באקומען א טשאטשקע פון א מאן - איז זייער שטארק און קומט אריין זייער קלאר.

עס האט מיר דערמאנט א מעשה פון נאך אזא ליבי, קען גאר זיין אז ס'איז די זעלבע, אדער קען זיין אז צווישן אונז אין אונזער דור דרייען זיך נאך אזעלכע ליבי'ס, וואס נאר דער אייבערשטער זעט און ווייסט.

אפאר יאר נאך מיין חתונה בין איך געפארן צו א חתונה קיין מאנטריאל - א וועג פון 6 ביז 7 שעה. מיר זענען געפארן מיט א באס, צוזאמען מיט די משפחות אויך פון די אנדערע זייט.

יעדער האט זיך געמאכט באקוועם מיט שמועסן און פארברענגען, און אוודאי עסן. איך האב דארט געטראפן מיין לערן פון Pre 1 A (א יאר פאר ערשטע קלאס), אין מיין ספר הזכרונות איז זי געווען פארשריבן אין די גאלדענע חלק, א טיטשער וואס איז געווען א מיידל געלונגען און קלוג, וואס פארשטייט ווי אזוי צו אויפהייבן יעדע קינד.

איך געדענק ווען איינמאל האט מיין מאמע געזאגט אז מיין האר איז שוין צו לאנג, איך דארף עס צאמנעמען אין א פאני, איך האב זיך זייער געשעמט אריינצוקומען אין קלאס אזוי, ווייל ס'איז אנדערש ווי איך בין געווען צוגעוואוינט, איך געדענק נאך ווי זי האט געוויזן פאר די גאנצע קלאס ווי גוט און ווי שיין איך בין, און מיט חכמה האט זי געמאכט יעדן פאר א גוטע מיידל; איך געדענק אויך פאר פורים ווען אלע מיידלעך האבן זיך פארשטעלט אין סקול, האט זי געגעבן פאר יעדן צו פילן ווי זיי זענען די בעסטע פארשטעלט, און זי קען בשום אופן נישט אויסגעפונען ווער מ'איז, שטילערהייט האבן די מיידלעך געשמועסט אז עכט מאכט זי זיך, ווייל מ'זעט אז די מיידלעך וואס זענען די וויינציגסטע גוט פארשטעלט דערקענט זי די לעצטע, אבער יעדער האט איר ליב געהאט.

דארט אויפן באס האב איך געזען די לערן האט קע"ה א שטוב מיט אינגלעך - א גרויסע בחור, א קליינער בחור, מיט נאך אפאר געזונטע חברה; דער גרויסער בחור האט געשפילט און פארברענגט לעבעדיג מיט די קלענערע, ער האט מיט זיי געשפילט אסאך געימ'ס און געטיילט עסן, ער האט געמאכט מיט

זיי אלע מיני וויצן, און זיי האבן זיך אלע גערים פאר געלעכטער.

די מענער זענען געזעצן מער פארנט פון די באס, און די פרויען מער פון אונטן. דער גרויסער בחור האט געהאלטן אין איין קומען צו די בעק, בעטן פון זיין מאמע דאס און יענץ, ער איז געקומען און געגאנגען און געגאנגען און געקומען. יעדע מאל האבן די פרויען זיך געדארפט צאמקוועטשן ער זאל קענען אריבערגיין; איך האב געטראכט צו זיך אז ווען עס וואלט געווען מיין קינד וואלט איך אים שוין געהייסן זיצן ביז מ'קומט אן, אבער זי האט הלל'ס געדולד, אן קיין גוזמא, זי געבט אים אלעס און ענטפערט אים אלעס וואס ער בעט און פרעגט.

ווען די באס האט זיך ענדליך אפגעשטעלט, יעדער שטעלט זיך אויף, האב איך איר געגעבן א קאמפלימענט אויף איר בחור אז ער געבט זיך אזוי שיין אפ מיט אלע קינדער.

זי רופט זיך אן: "ס'איז מיין מאן, יא ער נוצט אויס די צייט מיט די קינדער"..... מיין פנים איז געווארן רויט פון די קאמישע קאמפלימענט וואס איך האב דא געגעבן. אבער זי בלייבט מיט איר מוטיגע שמייכל, אן קיין האלבע וואונק, אדער בלינק פון חוזק, נישט פון איר מאנ'ס קינדערישקייט, און נישט פון מיין אומגעלונגענע קאמפלימענט.

די מעשה איז מיר אריין אין די ביינער, אז איינער איז יא אזוי קלוג, קען מען עס נוצן פאר חכמת החיים - צו וויסן וויאזוי צו פירן מיין לעבן אויף די גוטע וועג, און אז מען האט א בא-בוי, וואס ס'איז נישטא מיט וועם צו גיין צום טיש, מאכט מען פון דעם בא-קום, מ'קומט מיטן אייבערשטן, ווייס אז דער אייבערשטער קומט מיט דיר דווקא אין דעם מצב. מיט אים קענסטו אויסשמועסן דיינע אלע ענינים.

די קינדער בלייבן געזונט, ווייל זיי האבן א געשעצטער טאטע, זיי זעען קלאר שווארץ אויף ווייס אז די 'קלוגע' מאמע שעצט דעם טאטן, קענען זיי לעבן רואיג.

א גרויסן יישר כח פאר ג. פעקעטע פארן אויפברענגען אזעלכע וויכטיגע נושאים יעדע וואך, און אזוי קלאר אויסגעשמועסט. א גרויסן יישר כח פאר די רעדאקציע פארן אנגיין יעדע וואך מיט אזא שטארקייט, דער אייבערשטער זאל ווייטער געבן כח צו אנגיין מיט די הייליגע ארבעט.

א עקסטערע מזל טוב פאר נ.מ. וואס האט געהאט א קינד, מיר פרייען זיך אלע מיט דיין שמחה.

**ל. וועבערמאן**


בס"ד

# כוס תנחומים

מעומקא דליבא נשגר בזאת כוס תנחמא לידידנו היקר ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, מסור בלב ונפש, איש החסד ורב פעלים,

## ר' אברהם טיקולסקי נ"י

על פטירת אחיו, בעל צדקה וחסד

## ר' נתן ב"ר אברהם ז"ל

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים,
יעזור השי"ת שיבלע המות לנצח ולא תוסיפו לדאבה עוד עד עולם.

**המשתתפים באבלכם**
**שלמה יאקאבאוויטש**
**משה יחיאל פעלדמאן**
**יחזקאל סאמעט**
**אהרן שלמה שווארץ**



# היסטאריע בלעטער



## דער היסטארישער בריוו

ש. ב. היסטאריקער

איר האט שוין זיכער געהערט פון דעם טיטאניק, יא?

פארוואס? ווייל די גאנצע וועלט האט דאן גערעדט מיט עקסטאז פונעם גרויסארטיגן פאסירונג אז דער שיף מיטן ה' הידיעה, דער פארוויילונגס שיף וואס האט געדארפט צו עפענען א נייע עפאכע פון פארוויילונגס שיפן האט געזונקען מיט איר גאוה אינאיינעם.

בפרט ביי אונז אידן איז זייער באקאנט די מעשה, נאכדעם וואס דער קאפיטאן פונעם שיף האט ווי א שטאלצער פארקער געבלאזן פאר די וועלט ווי מעכטיג שטארק זיין שיף איז. דער טיטאניק איז געווארן אנגערופן "דער שיף וואס וועט נישט זינקען" למעשה איז דער שיף מיט איר שטאלצע נאמען צוזאמען נעלם געווארן, ליידער ווייל זיי האבן געטראכט נאר פון ווי גרויס און מעכטיג זיי זענען, און נישט געטראכט פונעם אייבערשטן וואס פירט אלעס.

אבער אינטערעסאנט איז ווי רוב עולם האט נישט קיין אנונג וויפיל שיפן ס'האבן געזונקען אין יענע תקופה.

די טיטאניק אליינס איז געבויט געווארן פאר די פירמע 'ווייט סטאר ליין' א גרויסע פירמע וואס האט אנגעפירט מיט לוקסעריעזע שיף רייזעס אריבער דעם אטלאנטיק, על פי רוב פון אמעריקע קיין ענגלאנד. צוזאמען מיט איר זענען געבויט געווארן צוויי אנדערע שיפן וואס זענען געווען ווייניגער באקאנט, די 'בריטאניק' און די 'אלימפיק'. דער אלימפיק וואס איז געווען גאר ענדליך צום טיטאניק, האט אויך געזונקען מיט פיר יאר נאכן טיטאניק, צווישן פילע אנדערע שיפן וואס זענען נאס געווארן יענע צייט.

לאמיר צוריקגיין צו יענע תקופה. עס איז געווען אין די מיטעלע 1910'ער יארן, ווען די ערשטע וועלט קריג האט אויפגעפלאקערט אין אייראפע, די קריג האט בעצם נישט געהאט קיין גוטע סיבה זיך אנצוהייבן, אבער איינמאל מען האט אנגעהויבן איז שוין נישט געווען קיין וועג ארויס (אזוי ווי יעדע קריג).

עס איז באמת געווען א וועלט קריג, די גאנצע וועלט איז דעמאלט געווארן אריינגעשלעפט אינעם שלאכט, אויף איין זייט איז געווען 'די אליאירטע קרעפטן', וואס איז געווען א צוזאמשטעל פון פראנקרייך, ענגלאנד, רוסלאנד, איטאליע, יאפאן, און אמעריקע.

קעגן זיי האבן געקעמפט 'די צענטראלע קרעפטן'. וואס זיי זענען געווען דייטשלאנד, אונגארן-עסטרייך, בולגאריע, און טערקיי וואס איז דאן באשטאנען פון די מאכטפולע אטאמאנישע אימפעריע.

יעצט לאמיר צוזאמשטעלן ביידע, ווי יעדער ווייסט זיכער, ווען עס פאסירט א קריג איז יעדער ארום אין א סכנה, אפילו ציווילע, ווי מען זעט יעצט ביי די רוסלאנד-אוקריינע מלחמה, און דאן ביים ערשטן וועלט קריג האט עס דערגרייכט א קלימאקס, הונדערטער טויזנטער ציווילע זענען דאן געשעדיגט געווארן אדער אומגעקומען.

עס איז געווען נאך פאר די UN איז אויפגעקומען מיט די עצה צו פארדאמען יעדן וואס טוט נישט כהוגן... אויב פארט איר אמאל דורך אויפן 'עף די ער', און איר זעט דעם פילשטאקיגן בנין וואס די 'יו-ען' פארמאגט, וועט אייך וואונדערן וואס טוט מען אין אזא גרויסן בנין? דער ענטפער איז אז מען זיצט און מען פארדאמט... נישט סתם מען פארדאמט, נאר מיט די שטערקסטע לשונות וואס נאר מעגליך... מען זיצט און מען טענה'ט זיך אויף הויכע טענער וועלכע לשון מען זאל נוצן צו פארדאמען דעם באטרעפנדן... בעיקר מדינת ישראל.

בקיצור, ביים ערשטן וועלט קריג איז געווען דער מצב גאר שווער פאר ציווילע.

ביים ערשטן וועלט קריג איז א גרויסן טייל פונעם שלאכט געווארן אויסגעשפילט אויפן וואסער, עס איז לכאורה געווען דאס ערשטע מאל וואס מען האט געבויט גרויסע שיפן ספעציעל פארן צוועק צו קעמפן אויפן וואסער.

דאן איז געקומען די טרויעריג בארימטע 'יו-באוט' סובמארין. עס איז געווען כמעט

אוממעגליך צו באמערקן דעם סובמארין ביז ס'איז שוין געווען צו שפעט, עס האט זיך געקענט גליטשן צווישן פארן אויפן וואסער און אראפגיין אין די טיפענישן מיט א מורא'דיגע שנעלקייט, דער פאכמאניש געבויטער סובמארין איז געבויט געווארן דורך די דייטשן, מיטן ציל צו אנווארפן א שרעק אויפן וואסער, אז די אליאירטע קרעפטן זאלן מורא האבן צו ליפערן סחורה, בעיקר פון אמעריקע קיין אייראפע.

די סובמארינען האבן געטון וואס זייער ציל איז געווען, א געשאצטע פינף טויזנט שיפן זענען געזונקען געווארן דורך די סובמארינען, די אליאירטע קרעפטן האבן נישט געטראפן דעם וועג ארויס, יעדע זאך וואס מען האט געוואלט שיקן איז פארלוירן געווארן, מען האט נישט געקענט טראגן פרישע סאלדאטן אדער אמוניציע קיין אייראפע.

די אליאירטע האבן געמוזט נעמען ערנסטע שריט, און דאס איז וואס זיי האבן געטון, פון א געוויסע פונקט אינמיטן די מלחמה, איז מער נישט געווען אזא זאך ווי שיקן א שיף אריבער דעם אטלאנטיק, ווען עס האבן זיך צוזאמגעשטעלט עטליכע צענדליגער שיפן וואס מען האט געדארפט אריבער פירן, האט מען צוזאמגעשטעלט אן עסקארט. מען האט גענומען אלע שיפן און זיי ארומגענומען פון אלע זייטן מיט מלחמה שיפן, און אזוי סוקסעספול זיך קעגן געשטעלט די שרעקליכע סובמארינען פון אטאקירן.

יעצט צוריק צום אנהייב, אין יאר 1906 למספרם, האט די קאנארד ליין פירמע, א פירמע וואס האט אפערירט פארוויילונגס שיפן, געלאזט בויען צוויי גרויסארטיגע שיפן, די לוסטיאנע און די מאריטאניע (א שאד זיי האבן מיך נישט געפרעגט פארן געבן די מאדנע נעמען).

צווישן די צוויי איז די לוסטיאנע געווען די גרויסע, זי איז געווען א שנעלע שיף פאר יענע צייטן, די לוסטיאנע איז פון אלע שיפן אין יענע צייטן געווען די שנעלסטע אריבער צו פארן דעם גרויסן וואסער צווישן ענגלאנד און אמעריקע, עס איז געווען א היפש טייערער ארטיקל צו קענען פארן אויף דעם, גערעכנט לויט היינטיגע ווערד פון געלט וואלט אויסגעקומען בערך דריי טויזנט דאלער פאר די בילגסטע צימער.

ווען די ערשטע וועלט קריג איז אנגעקומען, איז ווי פארשטענדליך די גאנצע אינדוסטריע פון לוקסעריעזע יאכט רייזעס געקומען צו אן ענדע, בפרט ווען די דייטשע סומבארינען האבן אנגעהויבן ארומשוואומען און אנמאכן חרבנות, האט זיך קיינער נישט דערוואגט ארויסצופארן.

אבער איין אויסנאם איז געווען טאקע די לוסטיאנע, זי איז ווייטער געפארן אפילו מיט די גרויסע סכנות מיט וואס פארן צווישן אמעריקע און ענגלאנד איז געווען פארבינדן, זי האבן זיך געמאכט ווי מען מיינט נישט זיי.

אינדערצווישן האבן די דייטשן געזונקען איין שיף נאכן צווייטן, אנגעמאכט חרבנות וואס איז נאכנישט געווען אין די היסטאריע פון שיפן, זיי האבן זיך נישט אפגעשטעלט פאר גארנישט, סיי וואס פאר א שיפן זיי האבן געזען האבן זיי געזונקען.

אבער די קאנארד ליין פירמע וואס האט אפערירט די לוסטיאנע האט נישט געכאפט דעם רמז, זיי זענען ווייטער געפארן.

אום חודש אייר תרע"ה ולמספרם May 1915, איידער די לוסטיאנע האט זיך געדארפט ארויסלאזן פון אמעריקע אויף א רייזע קיין ענגלאנד, האט די דייטשע אמבאסאדע אין אמעריקע געשריבן א בריוו פאר די אמעריקאנע גוים: "מורי ורבותי, דער וואס פלאנט צו פארן אויפן לוסטיאנע, זאל וויסן אז ס'איז א סכנה אין איינקלאנג מיט די דייטשע געזעצן, אזוי ווי די שיף פארט אין מלחמה וואסערן איז די שיף ערמעגליכט צו ווערן געשעדיגט, אויב פלאנט איר צו פארן זאלט איר וויסן אז איר טוט אזוי אויף די אייגענע אחריות."

יעדער מיט אביסל שכל וואס האט געטראכט אדער געקלערט פון פארן אויפן שיף און האט געזען דעם בריוו, האט געענדערט די פלענער און נישט געפארן.

דאך איז געווען די וואס האבן זיך אויסגעלאכט פונעם בריוו, "וואס, איך דער גרויסער חברה מאן וועט זיך וואוסענדיג מאכן פון א בריוו? מעה, איך פארשטיי בעסער פון די אפגעריסענע דייטשן."

אזוי האט זיך די לוסטיאנע ארויסגעלאזט אויף איר רייזע, אנגעפולט מיט הולטייעס און אויסנאם רייכע מענטשן וואס האבן זיך געלאזט וואוילגיין מיט אלע איינריכטונגען וואס דער שיף האט געהאט צוצושטעלן.

ווען די שיף איז אנגעקומען נאנטער צום ענגלישן בארטן, האט איר א דייטשע סובמארין באמערקט, און געשאסן אין איר ריכטונג אן איינצעלע טארפעדא, וואס ווען עס האט אנגעטראפן די לוסטיאנע האט עס אנגעמאכט אומגעהויערע שאדן, וואסער האט אנגעהויבן אריינשטורעמען אינעם שיף, און מיט קארגע 18 מינוט שפעטער האט די לוסטיאנע, די שטאלץ פון די בעלי גאווה אראפגענידערט צו די טיפענישן פונעם וואסער.

איבער טויזנט רייזענדע זענען ליידער אומגעקומען, דאס האט געפירט צו דעם אז אמעריקע זאל זיך אנשליסן אין די צווייטע וועלט מלחמה, וואס דאס האט געקאסט דאס לעבן פון מיליאנען.

די וואס האבן נישט געגלייבט די בריוו, אדער די וואס האבן זיך געהאלטן קלוגער פון די בריוון זענען אלע געשטארבן אויפן פלאץ.

און דאס שפילט זיך איבער היינט אויך.

די וועלכע ליינען די בריוו, די וואס ליינען 'עצתו אמונה' יעדע וואך און פאלגן וואס דארט שטייט, לעבן איבער די מלחמה וואס הייסט 'וועלט', און די וואס נישט, אדער די וואס ליינען יא אבער זיי האלטן אז זיי פארשטייען בעסער, ענדיגט זיך מיט ענדליכע סיטואציעס ווי די לוסטיאנע.

איך וואלט געוואלט אויסברייטערן די ענדע אבער דא קען מען זאגן וכל המוסיף גורע.

# היכל הקודש נייעס

## אמעריקע

### נייע וועג צו האלטן חשבון אויף מעשר געלט

אין די יעצטיגע טעג האט בי-פעי (ברסלב פעי) דערגרייכט 100,000 דאלער אין סך הכל נדבות וואס דער סיסטעם האט שוין געגעבן פאר די פילע קאמפיינס וואס האבן זיך אנגעשלאסן אינעם סיסטעם.

יעצט האט מען צוגעלייגט גאר א גוטע פיטשער צו האלטן חשבון פון די מעשר באלאנס. דער געדאנק איז געקומען פון דער מלמד החשוב מו"ה הערשל שניטצלער שליט"א, און איז דעוועלאפט געווארן דורך מו"ה משה ראזענבערג הי"ו אויף גאר א גוטע וועג.

איבער 200 אידן האבן זיך שוין איינגעשריבן אינעם ביפעי סיסטעם און האבן שוין געעפענט אן אקאונט, איבער 2,000 נדבות זענען שוין געגעבן געווארן דורך בי פעי.

דער וואס האט נאך נישט קיין אקאונט, דארף שיקן א טעקסט join צו 845-385-2400, און נאכפאלגן די אנווייזונגען וואס דער סיסטעם בעט.

דער נייער פיטשער מעשר, הייסט אויפן סיסטעם ma (אדער maaser), און דערנאך דארף מען שרייבן דעם סכום וויפיל געלט מען וויל צולייגן צום מעשר.

צום ביישפיל איינער האט פארדינט $1,150 און דארף געבן $115 פאר מעשר, שיקט ער א מעסעדש 115 ma און ביפעי גייט וויסן אז ער איז שולדיג $115 דאלער פאר מעשר. אויב מארגן פארדינט ער $600, שיקט ער א מעסעדש 60 ma און דער סיסטעם רעכענט צו דאס געלט צו די פריערדיגע סכום, און גייט וויסן אז ער איז שולדיג $175 דאלער פאר מעשר.

אויב דערנאך געסטו $20 פאר צדקה (אויסער די ביפעי סיסטעם) שרייב אריין 20 ma דאן גייט דער סיסטעם אראפרעכענען 20 דאלער פונעם חשבון, און ער גייט וויסן אז יעצט ביסטו שולדיג $155 פאר מעשר.

אויב מען נוצט דעם סיסטעם צו געבן א נדבה פאר איינע פון ביפעי'ס קאמפיינס (שרייב list צו וויסן אלע קאמפיינס), וועט דער סיסטעם אויטאמאטיש אראפ רעכענען דעם נדבה פון דיין מעשר חשבון.

אויב דו ווילסט וויסן וויפיל געלט דו ביסט שולדיג פאר מעשר דארף מען בלויז שרייבן ma און וועסט באקומען א ריפליי מיט די חשבון וויפיל געלט דו ביסט שולדיג.

פאר סיי וואספארא הילף און אנווייזונגען מען דארף צו נוצן דעם סיסטעם קען מען שיקן דאס ווארט help, און דו וועסט באקומען אנווייזונגען וויאזוי צו באקומען מער אנווייזונגען פאר די פארשידענע אפציעס וואס מען קען טון אויפן סיסטעם.

א וויכטיגע נאטיץ: אלעס איז גאר שטרענג פריוואט, דער גבאי פונעם קאמפיין באקומט א טעקסט בלויז דעם נאמען און די סכום וואס דו האסט געגעבן. מען קען הערן פארשידענע גוטע אפציעס אויפן קול ברסלב האטליין פאר מער דעטאלן בי פעי סיסטעם אויף די אינטערוויוס אפטיילונג.

# איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## וואו געפונט זיך דער בנין פון "איש חסיד היה"?

### שאלה

**אינעם זמר "איש חסיד היה" וואס מען זינגט מוצאי שבת, ווערט פארציילט איבער א בנין וואס איז אויפגעבויעט געווארן איבערנאכט, וואו געפינט זיך דער בנין? שלמה. ש.**

### ענטפער

מען זעט אז דו פאלגסט דעם הייליגן רבי'ן וואס האט געזאגט אז דער עיקר אידישקייט איז פשטות יהדות, ווי למשל זינגען זמירות שבת.

אינעם זמר "איש חסיד היה" ווערט פארציילט אן אינטערעסאנטע געשיכטע פון אן ערליכער איד וואס האט נישט געהאט קיין געלט צו קויפן עסן און קליידונג פאר זיין ווייב און פינף קינדער, זיין ווייב האט אים געזאגט אז מען קען אזוי ווייטער נישט אנגיין, עס איז שוין נישטא קיין ברויט צו עסן. ער האט געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל רחמנות האבן אויף אים. און ער האט זיך געשטארקט מיט אמונה און בטחון. ער האט געפרעגט זיין ווייב "וויאזוי קען איך זיך ארויסלאזן אויפן וועג, איך האב נישט קיין שום לייטיש בגד אנצוטון, און מיר האבן נישט אפילו א פרוטה צו די האנט"? די פרוי איז שנעל אריבער צו די שכנים און אים געבארגט שיינע פאסיגע קליידער, אזוי איז ער ארויס אויפן וועג, זיך פארלאזנדיג אויפן אייבערשטן וואס האט אונז ליב. דערווייל האבן די קינדער אינדערהיים אויך מתפלל געווען צום אייבערשטן "באשעפער פארלאז נישט אונזער פאטער, פארשעם אים נישט".

דער איד איז ארויס אויפן גאס מיט א שטארקע האפענונג צום אייבערשטן, און אט זעט ער אליהו הנביא קומט אים אנטקעגן, אליהו הנביא זאגט אים "דער אייבערשטער האט צוגעהערט דיינע תפלות, און דו גייסט היינט נתעשר ווערן, רוף אויס אין גאס אז איך בין דיין קנעכט, און שריי אויס ווער וויל קויפן א קנעכט וואס איז נישטא זיינס גלייכן". דער חסיד האט געטראכט צו זיך "וויאזוי קען מען אויסדרייען די יוצרות, א קנעכט זאל פארקויפן זיין האר"? אבער אליהו האט זיך געמאכט ווי גליין ער איז דעם חסיד'ס קנעכט. א ביזנעסמאן איז דורכגעגאנגען און דער "קנעכט" איז אים געפאלן, און האט אים געקויפט פאר אכט הונדערט טויזנט גאלדענע רענדלעך.

דער סוחר פרעגט אליהו "וואס קענסטו? וואס זענען דיינע טאלאנטן? ביסט א קאנטראקטער? קענסט בויען פאלאצן? אויב קענסטו מיר ענדיגן מיין פאלאץ וואס איך האלט דא אינמיטן בויען, ביסטו באפרייט"!

נאכן ערשטן טאג ארבעט האט אליהו הנביא געבעטן דעם אייבערשטן ביינאכט ביי חצות "רבונו של עולם האב רחמנות אויף מיר, איך האב מיר פארקויפט פאר א קנעכט נאר פאר דיין כבוד, און נישט פאר מיינעם וועגן, באשעפער ענדיג דו דעם בנין". דער אייבערשטער האט צוגעהערט די תפילה פון אליהו הנביא, און געשיקט מלאכים פון הימל, אזוי איז ביז אינדערפרי דער גאנצער פאלאץ געווען פארטיג.

דער סוחר איז געווען זייער פרייליך צו זען אז זיין פאלאץ איז אזוי שנעל און גוט פארטיג געווארן. אליהו הנביא האט געזאגט פארן סוחר "געדענקסט וואס מיר האבן נעכטן אפגעמאכט? דארפסט מיר באפרייען". דער סוחר האט צוגעשטימט, און אליהו הנביא דער "איש האמת" איז אוועקגעפלויגן.

עס זענען דא וואס זאגן אז דער בנין געפונט זיך אין פיזא, איטאליע, דער באקאנטער "שיפער טורעם". אנדערע זאגן אז דאס קען נישט זיין ווייל דאס איז א שמייליגע קריסטליכע בנין. עס זענען דא וואס זאגן נאך פון צדיקים אז דער געביידע איז אין "פאדאווע" איטאליע, מיר האבן געמאכט א גאר גרונטליך אויספארשונג און דערגאנגען מיט א זיכערקייט וואו דער בנין געפונט זיך.

לאמיר אריינקוקן אין די ווערטער פונעם זמר, און זען וואו דאס וועט אונז פירן. דער איד לערנט תורה מיט גרויס הצלחה, ער פארלאזט זיך אויפן אייבערשטן, ער רעדט שיין צו זיין ווייב, ער האט אמונת צדיקים, ער בעט דעם אייבערשטן, און אזוי איז דער בנין געבויעט געווארן. אויב אזוי ווייסן מיר שוין וואו דאס געפינט זיך. דער בנין געפונט זיך ביי דיר, אין דיין שאנק ליגט א חומש? לאז עס נישט זאמלען שטויב, דארט ליגט דער בנין. האסט א מויל, עפן עס אויף און בעט אים וואס דו דארפסט.

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער

## אמעריקע אונטער טראמפ ווערט שטרענג אויף אימיגראציע

ווי ערווארטעט, טוט דער נייער פרעזידענט כסדר זיכער מאכן אז ער איז אין די נייעס, אין די געציילטע טעג וואס ער איז אין אפיס, האט ער שוין באוויזן צו ארויסנעמען די מידיע פון די כלים אזויפיל מאל.

בפרט האט זיך טראמפ מיט זיין "גרעניץ צאר" פארלייגט אויף צו פארשפארן די גרעניצן, אפשטעלן אומלעגאלע אימיגראציע, און זיך אפגעבן מיט די אלע וואס זענען דא אומלעגאל.

די פעדעראלע "אייס אגענטור" האט שוין געמאכט פילע אבלאוועס אויף צענטערן ווי די אומלעגאלע אימיגראנטן האלטן זיך אויף, און א דין קדימה צו ווערן פארשיקט ווערט געגעבן פאר די אומלעגאלע אימיגראנטן וועלכע זענען באאנגען סיי וועלכע פארברעכן.

ווי מען הערט דרייען זיך אין אלע געגענטער, אפילו אינעם היימישן מאנסי אדער אויף די בערג אין אפסטעיט ניו יארק, האט מען זיי אויך זיך געזען דרייען און זוכן פאר די אימיגראנטן.

איינס פון קאנטראווערסיאלע זאכן וואס טראמפ האט געמאלדן אין באציאונג צו די אימיגראנטן איז אפשטעלן די לאנג יעריגע "געבורט רעכטן" וואס אמעריקע פלעגט אייביג געבן. דאס מיינט אז א קינד וואס ווערט געבוירן אין אמעריקע ווערט אויטאמאטיש א בירגער, וואס זייער אסאך וויסן נישט, איז אמעריקע פון די געציילטע לענדער אין די וועלט וואס געבן נאך היינט צוטאגס אזא רעכט. אין רוב לענדער דארפן כאטש איינע פון די עלטערן זיין א בירגער, אז דאס קינד זאל אויך ווערן א בירגער.

דער עקזעקוטיווע באפעל וואס טראמפ האט געשריבן אפצושטעלן "געבורט רעכטן" האט שוין געברענגט געריכט קלאגעס, וואס טענה'ן אז לויט ווי מען האט ביז יעצט אויסגעטייטשט די קאנסטיטוציע, ווערט יעדער מענטש געבוירן אין אמעריקע א בירגער.

טראמפ האט אויך געמאלדן אז ער פאראדרנט זיין יוסטיץ דעפארטמענט מען זאל צוגרייטן דעם ריזיגן לאגער וואס אמעריקע פארמאגט אין גוואטאמאנע בעי אין קובא, עס זאל דינען אלץ א שעלטער פאר דרייסיג טויזנט שעדליכע אימגראנטן, וואס ער וויל דארט האלטן.

אזוי אויך האט ער געמאלדן אז יעדער אויסלענדישע סטודענט וועלכע שטיצט כאמאס וועט פארלירן זיין וויזע, און וועט פארשיקט ווערן פון אמעריקע.

די אלע אימיגראנטן האבן אינוועסטירט גרויסע כוחות אנצוקומען קיין אמעריקע, און האבן געארבעט שווער און געטריי, צו פרובירן אנצוקומען צום אמעריקאנער חלום, אבער אלעס האט זיך זיי אויסגעלאזט ווי א זייפן בלאז.

מיר דארפן געדענקען זיך נישט צו לאזן אריינטארן אינעם זאק פונעם יצר הרע וואס פרובירט אונז איינצורעדן אז מען קען אנקומען און כאפן עולם הזה, ווייל איין טאג וועלן מיר אלעס דארפן איבערלאזן, מען וועט אונז נישט פרעגן צו מיר זענען גרייט, ווייל מען דארף זיך פאקן פעק און צוריק גיין צום אייבערשטן.

אויף דעם דארפן מיר לייגן אונזער דגוש, אז אונזערע פעק זאלן זיין גרייט מיט סחורה וואס מען לאזט דורך יענע גרעניצן, דארט קען מען נישט מיטנעמען קיין קאר, הויז, ביזנעס, אדער באנק אקאונט, דארט לאזט מען דורך רעדן צום אייבערשטן, משניות, מקוה, מנין. שלום בית, סבלנות, חסד, און אזוי ווייטער.

**תורה ותפילה איז יא!**





# תפילה פון אידישע מאמע באפרייט פארכאפטע משכון אן חילול שבת

שוין פופצן חדשים וואס מרת בערגער שלאפט נישט רואיג, איר באליבטע טאכטער געפונט זיך נעבעך פארכאפט אלץ משכון אין עזה אונטער די נעגל פון גרויזאמע טעראריסטן, זי ווייסט נישט וואס די קומענדיגע מינוט וועט ברענגען, מרת בערגער האט זיך גאר שטארק צוריקגעכאפט צו אידישקייט, צו היטן תורה ומצות, פון ווען איר באליבטער טאכטער איז נעבעך פארכאפט געווארן ביי די רוצחים.

זינט דאן האלט זי שבת ידע איינציגע וואך.

זי האט יעדן טאג געבעטן דעם אייבערשטן אז איר טאכטער זאל ארויסקומען פון דארט לעבעדיג ווי אמשנעלסטן, און צוריקומען געזונט פיזיש און גייסטיש.

אבער ווען מרת בערגער האט געהערט אז איר טאכטער איז אפשר אויף די ליסטע צו ווערן באפרייט שבת קודש, האט זי געבעטן פון די מידיע און פון די צייטונגען זיי זאלן פארמיידן חילול שבת, זי האט געבעטן אז די מידיע זאל זיי נישט באגלייטן און באשרייבן די נייעס, וואס די אלע זאכן גייען זיכער נישט אריין בגדר פיקוח נפש, וואס דער אייבערשטער לאזט נישט טון אום שבת.

אזוי אויך האט זי געזאגט אז אויב איר טאכטער ווערט טאקע באפרייט אום שבת - כאטש זי קען שוין קוים ווארטן איר צו זען, וועט זי אויסווארטן ביז נאך שבת צו צופארן צו זען איר באליבטע טאכטער. אויך נאכדעם וואס זי האט זיך דורכגערעדט מיט א רב, וואס האט איר געזאגט אז זי מעג פארן אום שבת אפצונעמען איר טאכטער אויב עס פעלט אויס, האט זי ווייטער געזאגט אז זי איז מתפלל אז מען זאל וואס ווייניגער מחלל שבת זיין צוליב איר באפרייאונג. זי האט ווייטער געזאגט פאר די מידיע און מחזק געווען אז יעדער איינער אנדערש דארף זיך פרייען אויף די זכי' אז זיי קענען היטן דעם הייליגן שבת אינאיינעם מיט די משפחות, און ווידערהאלט איר בקשה צו די מידיע אז זיי זאלן זיך צוריק האלטן פון באריכטן און מיטקומען. "די באריכטן קען מען טון מען נאך שבת אויך" האט זי געזאגט.

במשך די וואך האט זיך איבערגעדרייט די מידיע איבער א פארכאפטע מיטן נאמען "ארבעל" וואס כאמאס וויל יא אדער נישט באפרייען, די מדינה האט פארהאנדלט איבער דעם סאלדאט'ס באפרייאונג, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די תפילות פון די ערליכע אידישע מאמע האט אנגעדרייט א גאנצע שטורעם וואס האט אויסגעלאזט אז ארבעל צוזאמען מיט די טאכטער פון מרת בערגער זענעןביידע באפרייט געווארן פארגאנגענעם דאנערשטאג.

ברוך השם יעצט קען מען שוין באריכטן די פריידיגע נייעס, אז דער אייבערשטער האט געהאלפן אז זיי זענען שוין אינדערהיים מיט די משפחה - א דאנק די פילע תפלות פון אידישע קינדער. דאס האט אויפגעוועקט פילע אידישע קינדער זאלן זען די חשיבות און שיינקייט פון שבת, די זיסע מתנה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, אז איין טאג אין וואך לאזן מיר אפ אלע ביזנעס, אלע טעלעפאנען, אלע וויכטיגע מיטינגען און נייעס, און מען פארברענגט מיט די משפחה, מען עסט און מען טרונקט לכבוד דעם הייליגן שבת המלכה, מען זינגט שירות ותשבחות צום אייבערשטן.

אזוי אויך זעט מען די כח פון תמימות די כח פון תפילה וואס קען איבערדרייען א וועלט.

ביי סוף האט זיך אויסגעשטעלט אז איר טאכטער איז נאך די מערסטע געזונט פון אלע אנדערע וואס זענען ביז יעצט באפרייט געווארן. תפילה איז שטערקער פון אלעם.

**ד' שמריך ד' צלך על יד ימינך!**

# מעשיות פון תפילה



## אלחנן זויבערמאן

צפת

1. כ'האב געטראגן מיין בעבי צו מיין ווייב'ס ארבעט, וואס דאס בײַ איין עק שטאט, דערנאך האב איך געדארפט גיין צום שול וואס איז אין די אנדערע עק.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר א היטש, שכח אייבערשטער איך האב גלייך ערהאלטן.

2. מיין שוואגער האט געהאט זיין יום הולדת, ער האט געטראכט אראפצופארן קיין יבנאל צום ציון פון מוהרא"ש, כ'האב מיך געוואלט מיט כאפן מיט אים, אבער ער האט זיך גע'ספק'ט אויב ער האט כח צו פארן. האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל האבן כח און וועלן פארן, אזוי וועל איך אויך קענען גיין. שכח אייבערשטער אז ער איז געפארן צום סוף און מען האט זיך גוט געקענט אויסבעטן.

3. כ'האב געהאט אן אפוינטמענט צו ארויסנעמען א ציין אין א אנדערע שטאט, איך האב אינגאנצן פארגעסן דערפון, ביז די רגע וואס איך האב שוין געדארפט דארט זיין...

מיט איין אטעם בין איך געלאפן צום באס סטאנציע און געזען אז די באס איז שוין אנטלאפן, די נעקסטע איז אין צוויי שעה ארום...

האב איך געבעטן דעם אייבערטן אז איך זאל קענען אניאגן און אנקומען צייטליך אויף עפעס א וועג. איך בין געלאפן ארויסנעמען א קאר פון א רענטל און אהינגעפארן צו יענע שטאט. ברוך השם ווען איך בין אנגעקומען האבן זיי מיך טאקע אנגענומען.

5. כ'בין געווען שבת אין בני ברק, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן כ'זאל האבן א היטש צום שול פרייטאג און פון שול מוצ"ש. ביידע איז נישט געגאנגען גרינג, אבער מיט תפילות האב איך עס טאקע געהאט.

6. בײַ של"ס אין בני ברק, קום איך אריין און איך זע אז ס'איז

# מעשיות פון תפילה

גארנישט דא! נאר שווארצע ברויט מיט אן אומבאקאנטן דיפ וואס קיינער האט נישט אנגערירט. איך האב געבעטן דעם אייבערטן אז ס'זאל דא אריינוואקסן עפעס גוטע סאלאמאן פיש מיט זאפט, ווען אינמיטן איז א אינגערמאן אריינגעקומען מיט צוויי פושקעס אנגעפילט מיט גוטע פיש...

7. מ'זעמער געפארן אויפן באס און די פולע טאשקע מיט די פלעשלעך און די בעבי'ס זאכן איז געלעגן אויפן באנק נעבן אונז.

די באס האט זיך אנגעפאנגען אנפילן מיט נאך און נאך מענטשן, און כ'האב מורא געהאט אז ס'וועט ווערן אזוי אנגעפאקט אז מיר וועלן מוזן האלטן די טאש דורכאויס די גאנצע וועג.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז מענטשן זאלן מער נישט ארויפקומען, און נישט בעטן צו אראפנעמען די טאש פון די זיץ וואו ס'איז געלעגן. שכח אייבערשטער.

8. כ'האב געדארפט אראפפארן קיין טבריה, און אזויווי כ'האב זיך געדארפט יאגן צו די באס, האב איך נישט אנגעיאגט צו זאגן תיקון הכללי נאך שחרית. כ'האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען זאגן תיקון הכללי אויפן וועג, אבער איך האב נישט געהאט קיין זאגער. אויפן וועג צוריק פון טבריה ווארטנדיג אין די באס סטאנציע, קומט צו מיך צו א ספרדי'שער יונגערמאן און בעט צדקה. איך האב ארויסגענומען אפאר פרוטות און געגעבן. שטעלט זיך ארויס אז יענער איז גאר א הייליגער מפיץ... ער האט מיר געגעבן א קונטרס, אזוי האב איך געקענט אויפן וועג, סיי זאגן תיקון הכללי, און סיי לערנען א קונטרס פון מוהרא"ש...

## שמעון גאלדבערגער

בני ברק

איך האב געהאט וויכטיגע זאכן וואס איך פארלוירן, איך האב געזוכט איבעראל אבער נישט געטראפן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל דאס טרעפן ווייל דאס איז זייער וויכטיג פאר מיר.

שכח אייבערשטער אז ביים סוף האב איך עס געטראפן, עס איז בכלל נישט געליגן אויף א פלאץ וואס איך האב געטראכט פון פאר דעם אז עס קען דארט ליגן.

## נחמן שמואל יאקאבאוויטש

קרית ברסלב

איך בין אנגעקומען צו מיין שטוב נאכן נישט זיין אויף שבת אינדערהיים. אזוי נאך אפאר מינוט זיך דרייען אינדערהיים האב איך באמערקט אז די פרידזש / פריזער ארבעט נישט, איך האב דארט אזויפיל עסן וואס איך וויל נישט עס זאל גיין קאליע.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל צוריק אנהייבן ארבעטן ווי נארמאל, ס'איז צו א טייערע מאשין, איך וויל נישט יעצט דארפן קויפן א נייע און זוכן פון אינטער די ערד די געלט דערפאר. איך האב צוגעזאגט דאס צו מפרסם זיין.

איך האב פרובירט נאכאמאל אויסלעשן און צוריק אנצינדן די מאשין, און פון פריש אנשטעלן די סעטינגס, און פלאי פלאים עס האט אנגעהויבן ארבעטן כאילו לא היה.

## ש. ראטה

בית שמש

מיין אייניקל האט זיך נישט געפילט גוט, מיר זענען געווען זייער רואיג אז ביז א טאג צוויי וועט עס אריבערגיין אזוי ווי יעדע ווירוס. די דריטע טאג איז די היץ כמעט אראפ. אבער אויף מארגן (די פערטע טאג) איז די היץ געגעבן א שפרינג ארויף אויף כמעט 40° צלזיוס.

מיר זענען אריין אין א לחץ, און דא האבן מיר זיך געכאפט אז מען האט נישט געבעטן דעם אייבערשטן פאר א רפואה, ווייל מיר זענען געווען זיכער אז טא טא בדרך הטבע גייט עס אריבערגיין.

מיר האבן זיך גענומען בעטן דעם אייבערשטן אז די היץ זאל אראפגיין, און... וואונדערליך, ביז עטליכע שעה איז אלעס אריבער.



הַדְרָן עֲלָךְ
ר' איד איר קענט אויך זוכה זיין צו ענדיגן ש"ס!
מעגא מעיל!
עוז והדר
ש"ס מנוקד
$699
רעג. $900
347.578.4449
קרית ברסלב
ספרים
& judaica
*sruliHeskel



# שְׁטֵיי אֱוֶועק פוּן לֵיצִים!



## שאלה

**מִיר בְּרֶענְגְּן אַייךְ אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס אִיז מֵעִנְיָּנָא דְּיוֹמָא פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה.**

### פַארְוָואס אִיז לֵיצָנוּת אַזוֹי הַארְבּ?

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח - שִׁירָה, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נ"י

דֶער וָואךְ שַׁבָּת אִיז אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, מֶען לֵיינְט דִי שִׁירָה וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען אִיז אַרִיבֶּער דֶעם יַם סוּף. חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ב.): "קָשֶׁה זִוּוּגוֹ שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף, וְקָשֶׁה פַּרְנָסָתוֹ שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף", וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים יַם סוּף הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי זֵיי גֵייעֶן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן, וַוייל פוּן אֵיין זַייט זֶענֶען דִי מִצְרִיִּים גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעשָׁאסְן פַייְלְן, פוּן פָארְנְט אִיז דֶער גְרוֹיסֶער יַם, פוּן דִי זַייטְן אִיז אַ גְרוֹיסֶער מְדַבֵּר מִיט חַיוֹת; אָבֶּער דִי אִידְן הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט דֶעם גְרוֹיסְן נֵס אַז דֶער יַם הָאט זִיךְ גֶעשְׁפָּאלְטְן אוּן דִי אִידְן זֶענֶען אַרִיבֶּער דֶעם יַם סוּף.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ בָּחוּר אוּן אַ מֵיידְל. זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וֶוען זֵיי גֵייעֶן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אַז דֶער יַם סוּף זֵייעֶרֶער זָאל זִיךְ שְׁפַּאלְטְן אוּן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן זֵייעֶר זִיווּג, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט מִיט וֶועם עֶר וֶועט זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין, וֶוען וֶועט עֶר שׁוֹין זוֹכֶה זַיין, פוּן וואוּ וֶועט קוּמֶען זַיין יְשׁוּעָה? בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַ נֵס אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אוּן מֶען הָאט חֲתוּנָה. הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ פְרִישֶׁער צָרָה, פוּן וואוּ וֶועט קוּמֶען מַיין פַּרְנָסָה? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין הָאבְּן פַּרְנָסָה? וִוי לַאנְג דַארְף אִיךְ מִיךְ מוּטְשֶׁען פַאר פַּרְנָסָה? מֶען פְּרוּבִּירְט דָאס, מֶען פְּרוּבִּירְט יֶענְץ, אָבֶּער עֶס גֵייט נִישְׁט, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַ נֵס אוּן עֶר שְׁפַּאלְט דֶעם יַם סוּף אוּן מֶען הָאט פַּרְנָסָה.

**דֶערְפַאר אִיז דִי וָואךְ שַׁבָּת אַ גְרוֹיסֶער עֵת רָצוֹן, סַיי פַאר שִׁידוּכִים אוּן סַיי פַאר פַּרְנָסָה,** וֶוען מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, אַז דָאס זָאל אוֹיךְ מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף אוּנְז שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה.

מֶען לֵיינְט דִי וָואךְ דִי פַּרְשָׁה פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם פוּן קְרִיאַת יַם סוּף, עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת יג, יח): "'וַחֲמֻשִׁים' עָלוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם", זָאגְט רַשִׁ"י: "'וַחֲמֻשִׁים' - אֶחָד מֵחֲמִשָּׁה יָצְאוּ, וד' חֲלָקִים מֵתוּ בִּשְׁלֹשֶׁת יְמֵי אֲפֵלָה", אֵיינְס פוּן פִינְף זֶענֶען אַרוֹיס, דָאס הֵייסְט אַ פִיפְטְל; עֶס זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אִידְן, וָואס אִיז נָאר אַ פִיפְטְל, אוּן צְוֵויי מִילְיָאן פִיר הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין מִיט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, **זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן אִין מִצְרַיִם, אוּן זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן בַּיי מַכַּת חוֹשֶׁךְ** וֶוען דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶען, פַאר זֵיי הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן דִי אַלֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט, וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען לֵצִים.

מֶען קֶען אַלֶעס אַוֶועק מַאכְן, אוּן מֶען קֶען פוּן אַלֶעס חוֹזֶק מַאכְן, אָבֶּער גֶעדֶענְק גוּט: וֶוען מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד טוֹישְׁט זִיךְ גָארְנִישְׁט, עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶר הָאט וַוייטֶער שָׁלוֹם בַּיִת, עֶר הָאט הֲנָאָה אַהֵיים צוּגֵיין צוּ זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וְכוּ', וֶוער לַיידְט יָא? דֶער וָואס מַאכְט לֵיצָנוּת, אוּן דֶער וָואס הֶערְט עֶס אוֹיס; וַוייל עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט הֶערְן קַיין עֵצוֹת פוּן דֶעם עֶרְלִיכְן אִיד אוֹיף וֶועם עֶר הָאט גֶעהֶערְט לֵיצָנוּת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת, אוּן שֵׂכֶל צוּ קוּקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין.**

# געדאנקען

## טאטע אנטדעק זיך פאר אונז!

מענטשן וואס זענען איינגעטונקען אין קושקע מיט גאלע, האבן גרויסע קושיות אויף צדיקים.

די פישזאפט מענטשן וואס ווערן אויסער זיך אויב עפעס א מאכל איז נישט אזוי ברייעדיג-הייס / פריזינג-קאלט / יאלעפינאו-ציפעדיג / זויערפיקל-קראנטשי ווי ער האט זיך פארגעשטעלט, קענען פשוט נישט פארשטיין ווי אזוי עס ארבעט די מח פון א צדיק.

וואס איז די דעפענישן פון דאסווארט צדיק? צדיק איז טייטש "ענדערש ווייניגער פאר מיר און מער פאר דיר".

א פישזאפט מענטש איז טייטש א גאנצן טאג טראכט ער "איך" "איך" "איך", ס'קומט מיר, ס'קומט מיר, יעדער איז מיר שולדיג, יעדער איז מיר שולדיג, פארוואס איז מיין ארדער נאכנישט דעליווערט?! וואס הייסט מיסטעיק?!!!!! פארוואס ביי מיר איז קיינמאל נישט געשען קיין מיסטעיק?!!!!! (כאלו ער איז עפעס א אפגאט אזויווי פרעה).

חז"ל רופן אן משה רבינו א "טוב עין", א פארגינער, ווייל ס'וואלט געקענט זיין א הוה אמינא אז משה רבינו זאל מקבל זיין די תורה און ס'זאל בלייבן ביי אים, אבער משה רבינו האט געטראכט יעדע רגע, פארוואס זאל איך נישט געבן פאר נאך א איד די זיסע הרגשה אז דער אייבערשטער איז דא און יעדער קען רעדן מיט אים.

משה רבינו האט דוקא געוואלט אז די תורה זאל זיין פאר גאנץ כלל ישראל, נישט נאר פאר אים.

דער ראש ישיבה שליט"א האט עטליכע מאל געשמועסט פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, בנוגע די ענין פון "טוב עין", אז מוהרא"ש וואלט געקענט האלטן דעם זיסן וועג פון זאגן משניות, פאר זיך אליין, זיצן מיט די משניות כל ימי חייו, און פילן דעם גן עדן בזה העולם, אבער מוהרא"ש איז ארויס פון זיין COMFORT ZONE און געווארן א געשעפט ביי מענטשן, אבי צו מפרסם זיין פאר די גאנצע וועלט די זיסע עצות פון רבי'ן, אבי נאך א בחור'ל זאל קענען לערנען תורה אויך ווען די קאפ איז נישט אין א מצב פון פארשטיין לערנען.

ביי די מלחמת עמלק האט משה רבינו געשיקט זיין תלמיד יהושע מלחמה האלטן מיט עמלק, משה רבינו האט געשיקט זיין תלמיד דוקא, ווייל די גאנצע זאך פון עמלק איז צו מאכן דעם מענטש פילן ווי ער האט נישט קיין כח אנצוגיין מיט זיין עבודת השם, כ'האב נישט קיין כח צו דאווענען, צו לערנען, צו זיין פרייליך, צו כאפן א טענצל, אזוי ווי עס שטייט, ואתה עיף ויגע, דער מענטש פילט מיד און מוט-לאז, און די גאנצע זאך וואס א מענטש קען באקומען א BOOST, א JUMP-START, פרישע כוחות צו גיין אין שול, פרישע כוחות צו רעדן שיין צו די ווייב און קינדער איז נאר דורך דעם צדיק האמת וואס לייגט אוועק זיין כבוד, אבי צו דערמאנען מענטשן צו כאפן א פרק משניות, א פעני פאר צדקה, א גוט ווארט פאר די ווייב, וואס נאר דורך א צדיק וואס דערמאנט עס יעדן טאג האט מען פרישע כוחות דערצו.

קומט אויס אז לעולם וואלט דער צדיק אליין געזאגט פאר מענטשן, אויב דו ווערסט טון מיינע עצות ווערסטו האבן א זיסע לעבן, אבער אזוי ווי ס'איז דאך דא א גאנצע וועלט מיט פישזאפט מענטשן וואס וועלן טראכטן אז ס'קען נישט זיין אז דער צדיק מיינט נישט זיין אייגענע כבוד, דערפאר האט משה רבינו געמוזט שיקן זיין תלמיד יהושע אז ער זאל זאגן פאר אלע וואס עמלק איז זיי מכשיל, אויב דו ווערסט נעמען די עצות פון צדיק, צו לערנען תורה יעדן טאג, און רעדן צום אייבערשטן אלעס וואס דו דארפסט, ווערסטו ארויסגיין פון דעם טמא'נעם עמלק וואס רעדט דיר איין אז דו ביסט סיווי א דורכפאל, במילא בלייב שוין וואו דו ביסט, רחמנא ליצלן (עיין בליקוטי הלכות כל הענין באריכות אז דאס איז דער טעם פארוואס משה רבינו האט געשיקט זיין תלמיד, אז ס'זאל זיין גרינגער פאר מענטשן אנצונעמען און נישט זיין ביזי צו דער צדיק מיינט זיך אדער נישט).

נאך א זאך זאגט רבי נתן, אז עמלק האט זייער מורא פון דעם גרויסן צדיק וואס קען צוריק ברענגען צום אייבערשטן יעדן איינעם אן אויסנאם, אפילו דעם גרעסטן בעל עבירה, דורך די מויל, ויחלוש יהושע את עמלק ואת עמו "לפי" חרב, די מויל איז די שווערד, מיט רעדן צום אייבערשטן און מיט זאגן משניות קען מען באזיגן עמלק, און עמלק האט נישט קיין שום וועג קעגן דעם גרויסן צדיק, דערפאר מוז עמלק אויפשטעלן רעבעלער וואס זעען אויס ווי כאלו זיי קענען עפעס העלפן, און ווען א מענטש כאפט

**משה אריה שניצלער**

א התעוררות אז ער וויל זיין גוט, קען ער אמאל אנשטאט דעם אמת'ן צדיק וואס קען העלפן, אנטרעפן א רעבעלע וואס מ'קומט און מ'גייט און מ'בלייבט אויסגעשפילט, נישט קיין לערנען נישט קיין דאווענען.

נאכמער זאגט רבי נתן, אז א מענטש קען אפילו אמאל אנטרעפן א גוטן איד וואס איז יא ערליך, אבער צו פארשטיין ווי צו העלפן א קליין בחור'ל מיט א גרויסע יצר הרע, איז נישט אזוי גרינג, צו קאנווינס'ן א אינגערמאן זאל נאך איינמאל פרובירן צו רעדן שיין אינדערהיים אפילו ווען ס'מאכט נישט קיין טראפ סענס, דאס קען נישט יעדער.

על פי רוב ווי מער א ערליכער איד קען העלפן א מענטש אז אנשטאט דאווענען דרייע נאכמיטאג אין ווערהאוז זאל ער יא פרובירן איינמאל צו גיין אין שול, אויף אזא איד רעדט מען כל דבר אסור, ווי מער א ערליכער איד איבערצייגט זיינע מענטשן צו רעדן שיין צו די ווייב און קינדער, הייסט ער ביי די פישזאפט מענטשן פלאטשיג, יאנטשי, סטופיד, נאן-סענס.

די זעלבע זאך פארקערט, א פירער וואס זיינע מענטשן בלייבן די זעלבע, כאשר בא כן ילך, בגפו יבא בגפו יצא, די דזשאב איז מהיכי תיתי, מיין חסידישע לבוש איז א באצווינגענע זאך וואס מיינט פאר מיר זילטש, נאדא, זיפאו, ניקס, איך קוק אויף אידישקייט אזוי ווי "בלית ברירה", מיין שחרית מנחה מעריב איז צריך תיקון גדול, מעביר סדרה געווען האב איך נישט זייט די מנהל האט פארשפארט דעם עס-זאל יעדן פרייטאג בימי בחרותי. א גמרא האב איך נישט געעפנט זייט מיין טאטע האט חתונה געמאכט א האלב יאר צוריק, אויף אזא סארט מנהיג איז נישטא קיין מחלוקת, פון אים האבן יענע חברה נישט וואס מורא צו האבן, אים לאזט מען לעבן על מי מנוחות. און דער צדיק וואס טוט וואס משה רבינו האט געטון, געוואלט געבן די זיסע לעבן פאר נאך א איד, אויף אים רעדט מען אן יונגע נשמות אז מ'טאר נישט קוקן אין די ספרים.

אויף דעם צדיק וואס קען דיר העלפן איז דא אזוינע גרויסע ליצנות אז דער אייבערשטער שרייבט "ולא נחם אלקים דרך ארץ כי קרוב הוא כי אמר אלקים פן ינחם העם". פלעגט מוהרא"ש זאגן אויב מ'וואלט געגאנגען דורך פלשתים וואלטן זיי געמאכט אזוינע ליצנות אז מ'וואלט געקענט אינגאנצן אוועקפאלן, ווייל די פלשתים זענען געווען לצים, געמאכט ליצנות פון ערליכע אידן, אזוי ווי ס'שטייט אין פרשת תולדות, שהיו ליצני הדור אומרים, ס'איז געווען פשוט ליצנות, און מוהרא"ש פלעגט זאגן אז אויב איינער מאכט ליצנות פון א ערליכן איד איז ער א גרויסער בעל עבירה אזוי ווי רש"י הקדוש שרייבט אויף די פלשתים אז זיי זענען געווען אויף א גאר נידעריגע מצב רחמנא ליצלן.

וואויל איז דעם וואס ווערט מקורב צו א ערליכן איד וואס לערנט אויס זיינע מענטשן צו שרייען "געוואלד הייליגער טאטע דו ביסט דא", אזוי ווי רבינו הקדוש מ'סאטמאר האט אונז געלערנט (הושענא רבה תשכ"ב) לאמיר זיך בעטן און שרייען "געוואלד הייליגער טאטע אנטדעק זיך פאר אונז, לאמיר דיך זען, לאמיר דיך שפירן, ווען דו זאלסט דיך נישט אזוי באהאלטן פון אונז וועלמיר אודאי תשובה טון" (עיין שם).

אז מיר וועלן זיך צוגעוואוינען צו זאגן צום אייבערשטן, "הייליגער באשעפער איך ווייס אז דו ביסט דא מיט מיר", וועט דער אייבערשטער אונז מוחל זיין אויף אלע עבירות. אזוי ווי דער רבי זאגט: (ספר המידות) "על ידי אמונה יסלח לך הקדוש ברוך הוא על כל עוונותיך". און דער רבי זאגט אויך "אמונה תולה בפה של האדם" אז מ'רעדט אמונה, האט מען אמונה, און אז מען האט אמונה איז דער אויבערשטער מוחל אויף אלעס וואס מען דארף פארריכטן.

צו קאנווינס'ן א אינגערמאן זאל נאך איינמאל פרובירן צו רעדן שיין אינדערהיים אפילו ווען ס'מאכט נישט קיין טראפ סענס, דאס קען נישט יעדער.

# היכל הלכה

איבערגעגעבן
דורך הגאון
**הר"ר יונה**
**זינגער שליט"א**
דומ"ץ קרית
ברסלב

## הלכות הדלקת הנרות

### סימן רס"ג סעיף ט"ו און ט"ז

אויב א ציבור אין א ביהמ"ד, וואס זיי האבן געדאווענט פרי די שבת'דיגע דאווענען און זיי האבן מקבל שבת געווען דורך דעם וואס זיי האבן געזאגט "ברכו", איז א זילזול אויב קומט יעצט א מענטש און ער דאווענט מנחה, וואס איז א וואכענדיגע דאווענען [158]. אפילו דער מענטש האט נאך נישט מקבל שבת געווען. נאך מער, דער מענטש דארף אפילו נישט מקבל שבת זיין, ווייל ס'איז נאך פארן זמן.

און אפילו די הלכה זאגט דאך אז א מענטש ווערט נאך געשלעפט נאך רוב ציבור וואס האט מקבל שבת, אפילו ער וויל נישט מקבל שבת זיין, [159] אבער דאס איז נאר לגבי טון מלאכות, דהיינו דער יחיד טאר נישט טון קיין מלאכות, נאך דעם וואס דער ציבור האט מקבל שבת געווען, אבער לגבי דאווענען, מעג ער נאך דאווענען די וואכענדיגע דאווענען [160] אבער דאס איז פאר זיך, מעג ער דאווענען די וואכענדיגע דאווענען, אבער נישט אין די שול וואס מ'האט שוין מקבל שבת געווען, מילא איז דער הלכה אזוי:

צ"ב) אז א יחיד וואס האט נאך נישט געדאווענט מנחה, און ער קומט אין א ביהמ"ד וואס מ'האלט שוין נאך 'ברכו', זאל ער נישט דאווענען אין דעם ביהמ"ד מנחה, נאר ער זאל גיין צו א צווייטע שול וואס מ'האט נאך נישט געדאווענט מעריב, אדער זאל ער דאווענען אינדרויסן אין פאליש, אדער אין די ווייבער שול. [161]

צ"ג) אפילו די טיר איז אפן און מ'קען אים זען איז נישט קיין פראבלעם, [162] ווילאנג ער דאווענט נישט ממש דארט ווי דער עולם האט שוין מקבל שבת געווען.

צ"ד) אויב דער ציבור האט שוין געזאגט לכה דודי; מזמור שיר ליום השבת; קען מען מקיל זיין און מ'קען נאך יא דאווענען דארט מנחה; [163] ביז ווילאנג די ציבור האט נישט געזאגט ברכו.

צ"ה) אויב דער עולם וואס האט געדאווענט איז זיך שוין צוגאנגען, דעמאלט מעג מען מאכן א נייע מנין און דאווענען מנחה; אפילו אויב ס'זענען געבליבן א טייל פון די מתפללים פון די וואס האבן שוין געדאווענט מעריב, מעג מען נאך אלס מאכן א פרישע מנין מנחה. [164]

ביז אהער האט מען גערעדט, אז א איד וויל דאווענען די וואכענדיגע שמו"ע פון מנחה, און דער עולם האט שוין געדאווענט. אזוי אויך רעדט מען אז ער זעלבסט האט נישט געענטפערט אויף די ברכו, אבער טאמער האט ער געענטפערט ברוך הוי"ה... [166] ווערט געהעריג שבת, סיי ער ווערט אסור צו טון א מלאכה, און סיי ער קען שוין נישט דאווענען מנחה [167] ווי אימער, אפילו נישט אין דעם ביהמ"ד, ווייל ס'איז שוין ביי אים געהעריג שבת.

צ"ו) מיט דעם אלעם פסק'נט דער מחבר אז אויב א איד וויל זיך שטעלן שמו"ע און ער איז משער אז טאמער הייבט ער יעצט אן שמו"ע וועט דער עולם זאגן ווען ער האלט נאך אינמיטן שמו"ע ברכו - מיט דעם מעג ער זיך שטעלן שמו"ע. [165]

צ"ז) אויב א איד קומט אריין אין שול אין מ'האלט שוין ביי ברכו, און ער האלט נאך פאר מנחה, און ער מוז דאך ענפערן ברוך הוי"ה..., און ווען ער ענפערט ווערט דאך שבת, סיי ער ווערט אסור במלאכה און סיי ער וועט שוין נישט קענען דאווענען מנחה, [168] קען מען מאכן א תנאי, אפילו ווען מ'דאווענט די שבת'דיגע דאווענען העלפט נישט קיין תנאי, [169] אבער ביי ברכו העלפט יא א תנאי. און כאטש דער מגן אברהם שרייבט [170] אז מ'זאל זיך נישט אויסנעמען נאר לצורך, דאס הייסט א צורך כדי ער זאל קענען דאווענען מנחה.

צ"ח) אינדערוואכן אויב א ציבור האט שוין געדאווענט מעריב, למשל פאר'ן זמן, מעג מען דאווענען דארט מנחה. די גאנצע שאלה איז נאר ביי שב"ק, [171] ווייל ס'איז א זלזול אינעם שבת.

צ"ט) מ'דארף אבער געדענקען וואס דער מגן ארהם שרייבט: אז אין אזא פאל, ווען מען דאווענט אן אנדערע תפלה וואס דער עולם דאוונט, הייסט עס נישט תפילה בציבור!

ק') אין א פאל וואס מ'מוז נישט ארויס גיין פון שול על פי הלכה, זאל מען נישט ארויסגיין, און אפי' ס'הייסט נישט תפלה בציבור, ווייל דער מחבר שרייבט (סי' צ' סעי ט) אז אפילו ביחידות זאל מען דאווענען אין שול, ווייל ס'איז א הייליגע פלאץ, און די תפלות ווערן דארט מער אנגענומען. (משנ"ב סקל"ג) [172]

## מקורות והערות

158 תרומת הדשן סעי' ד - ובפסקים וכתבים סי' קנ"ג, הובא בב"י 159 כמבואר בשו"ע סעי' י"ב. 160 כ"כ בפרמ"ג (א"א סקכ"ח) הו"ד בבאור הלכה ד"ה של חול - בס' שבת בשבתו כ' טעמים יפים מאי שנא מלאכה מתפלה. 161 כ"כ בפרמ"ג (א"א סקכ"ח) 162 כן מדייק השבת בשבתו, מפרמ"ג הנ"ל

163 איב"נ דהמשנ"ב ס"ק נ"ח בשם הדרך החיים, כ' דאפי' אם אמר רק לכה דודי, מזמור שיר ליום השבת הוי קבל שבת לגבי דין זה, עכ"ז היות דדבר זה תלי במנהגים, כי המחב' כ' סי' רס"א סעי'ד: ולדידן הוי אמירת 'מזמור שיר ליום השבת' כעניית ברכו לדידהו, וכ' שם המג"א סקי"ג: ובמדינות אלי אין נוהגין לומר מזמור שיר, ולכן עניית ברכו הוי קבלת שבת (דר"מ סק"ב) ועתה נוהגין לומר מזמור שיר, ואפ"ה אין מקבלין שבת ועושין כל מלאכות עד ברכו, דמעקירא הכי קבלו עלייהו, וכן משמע בב"ח סי' רנ"ו: ופתו"ג כ' שם (על מג"א), המנהג עתה מיד שאומר מזמור שיר קבלו שבת עלייהו, ואסורים בכל מלאכות, אעפ"י שעדיין יום הוא אבל בתניא (סי' רס"א סעי' ז':) כ' במדינות אלו, אעפ"י שאומרים מזמור שיר ליום השבת אעפ"י כן עושין כל המלאכות עד ברכו ממש, עיי"ש טעם. כש"ס במג"א הנ"ל: עכ"פ רואין אנו שזה תלי במנהג ותניא פסק דאין מקבלין שבת ע"י אמירת מזמור שיר. ועל כולם, כ' המג"א ס"ק כ"ט ושועה"ר סעי' כ"ד, ומשנ"ב סקס"ג - דכאן הדין של התרומת הדשן אינו כ"א חומרא בעלמא

יש להקל בשופי על התניא, להתפלל מנחה עד אמירת ברכו, כן לענ"ד העני.

164 כל זה יוצא מתוך דברי התרומת הדשן דבוא מרא דבאי דינא וז"ל: לא יתפלל מנחה באותו בית הכנסת שבו הציבור מתפללים, רואין בעלול דאם המה אינם מתפללים מותר; וכ"כ בשועה"ר סעי' כ"ג: לא יתפלל מנחה באותו בית הכנסת בשעה שהקהל מתפללים

165 כ"כ המחב' בסעי' ט"ז - ואיה"נ דמשנ"ב בסקס"ג מחמיר וכ' וז"ל, מ"מ טוב יותר בכה"ג שיצא לחוץ בית הכנסת ויתפלל שם, אבל התניא כ' בסעי' כ"ד ואעפ"י שמיד בעודו מתפלל מנחה יאמרו הקהל ברכו ויקבלו שב"ק אין לו לחוש, וכבר ביארנו דעתיני קלושה דבהלכה דא יש לילך לקולא, עפ"י דברי הפוסקים (עי' ב163) דדין של התורמת השן אינו כ"א חומרא בעלמא

166 כמבואר בשו"ע סי' נ"ז - ובקיצור במשנ"ב סי' רל"ו סק"א: 167 כ"כ במשנ"ב סקס"ב 168 כמבואר בהג' על שו"ע בהג' רעק"א.

169 כמבואר במחב' סעי' יא: 170 סק"כ 171 איה"נ דבשו"ת האלף לך שלמה, אוסר גם בחול (או"ח סי' צ"ד) אבל בשו"ז סי' רל"ו סק"ד ובמג"א סק"ג, מתירין בחול 172 און דער ראש ישיבה שליט"א דערמאנט עס אסאך מאל ביי די שיעורים בזה"ל: א איד דאוונט אין שוהל!

ב ו ל ע ט י ן

# אריכות ימים

לייף אינשורענס פאליסי

| | | |
|---|---|---|
| זכות מתיבתא | $18,000 | מו"ה מרדכי לייב טירנויער הי"ו |
| זכות כתה | $15,000 | הרוצה בעילום שמו |

**אריכות ימים** ביזנעס פאליסי

ביזנעס פאליסי $10,000

מו"ה יעקב האלצער הי"ו

מו"ה מאטי היימליך הי"ו

## זכות פרימיום פלאס פאליסי $5,400

מו"ה יואל הכהן ראזענבערג הי"ו
מו"ה ישראל פוקס הי"ו
מו"ה שמואל בלעדי הי"ו
מו"ה לוי יצחק זאפיר הי"ו
מו"ה יוסי פעלדמאן הי"ו

## זכות פרימיום פאליסי $3,600

מו"ה משה יחיאל פעלדמאן הי"ו
מו"ה קלמן אליעזר עגמי הי"ו
מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו
מו"ה אפרים נובוגרודסקי הי"ו
מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו

## זכות סטאנדארט פאליסי $1,800

מו"ה שמעון עוזר מיטעלמאן הי"ו
מו"ה בערל שווארץ הי"ו
מו"ה הערשל שניצלער הי"ו
מו"ה זושא פריעדמאן הי"ו
מו"ה שמואל אייכנשטיין הי"ו
מו"ה משולם פינטער הי"ו
מו"ה אלי קנאלל הי"ו
מו"ה שמעון ניישטיין הי"ו
מו"ה אליעזר שטרויס הי"ו
מו"ה פנחס דוד וועבערמאן הי"ו

מו"ה אברהם צוויבעל הי"ו
מו"ה משה איינהארן הי"ו
מו"ה אהרן שלמה שווארץ הי"ו
מו"ה מאטי ראזענפעלד הי"ו
מו"ה יענקי פיש הי"ו
מו"ה עלי מזרחי הי"ו
מו"ה הלל ווייס הי"ו
מו"ה יושע ראבינאוויטש הי"ו
מו"ה אשר קרויס הי"ו
מו"ה אברהם יושע וועבערמאן הי"ו



אלעס צוזאמען שוין איינגעשפארט פאר ראש ישיבה

# $134.000

יערליכע בודזשעט: איבער **$400.000**

*sruliHeskel

# קוק אהער

## נאך א בעבי, נאך א בעבי!

פרעה מיט פידזשאמעס לויפט ארום אינמיטן די נאכט, הע הע גיי דא, ניין גיי דארט, ניין גיי צוריק, ניין דריי דיך ארום, ניין די אנדערע וועג, הע הע הע.

די קינדער'ס אויגן גלאנצן ווען זיי פארציילן די מעשה ווי אזוי דער אייבערשטער האט ארויסגענומען די אידישע קינדער פון מצרים. מ'פארציילט די מעשה ביי יעדע געלעגנהייט נאכאמאל צו אריינברענגען די אמונה אין די קינדער.

דער ראש ישיבה פארציילט אז ווען ער איז געווען א מלמד אין א צווייטע מוסד פלעגט ער רעדן צו קינדער אויף די וועג וואס מוהרא"ש האט אויסגעלערנט - אריינלייגן אין די קינדער א שטארקע אמונה, רעדן נאכאמאל און נאכאמאל אז מ'זאל רעדן צום אייבערשטן, דער אייבערשטער הערט אויס יעדן ווארט וואס מ'רעדט צו אים, דער אייבערשטער איז דא מיט דיר מיט אלעס וואס דו גייסט אריבער, און אזוי ווייטער אלע לימודים פון הייליגן רבי'ן.

נאך פסח קומען די קינדער צוריק אין חדר און זאגן פארן מלמד: "רבי, מיין טאטע האט אויך גערעדט ביי די סדר די אלע זאכן וואס דער רבי לערנט מיט אונז"...

אזוי גייט עס, ווען ס'איז נאר דא א געלעגנהייט צו קענען אריינברענגען אמונה - פארציילן פון די גרויסע ניסים וואס דער אייבערשטער טוט מיט אונז, מאכט מען פון דעם א גאנצע מצב.

יעצט אין די סדרות פון יציאת מצרים פארציילט מען פאר די קינדער נאכאמאל מיט א געשמאק ווי אזוי די גוים האבן אונז פיינט, זיי האבן אונז געפייניגט, זיי האבן אונז פארקנעכטעט, זיי האבן געוואלט מיר זאלן ח"ו פארגעסן פונעם אייבערשטן. אבער צום סוף האט דער אייבערשטער אויף אונז רחמנות געהאט, ער האט זיך באוויזן מיט די גרויסע ניסים און אונז ארויסגענומען פון דארט.

משה רבינו ווארפט אראפ זיין שטעקן און ס'ווערט א שלאנג, א נס! און די גוים מיט זייערע כישוף פרובירן עס נאכצומאכן, אבער משה רבינו'ס שטעקן שלינגט איין אלע זייערע! הא הא הא!

אזוי הייבט זיך אן ביי די קינדער די מעשה ווי אזוי משה רבינו האט אונז ארויסגענומען פון גלות מצרים, נאכדעם מכת דם - אלע וואסער איז געווארן בלוט חוץ פון די אידן, ווער ס'געוואלט טרינקען וואסער האט געדארפט באצאלן פאר די אידן! הא הא הא!

אזוי ווייטער אלע מכות און אלע ניסים וואס דער אייבערשטער האט געמאכט מיט אונז.

די שפיץ פון די געשמאק פון די אלע מעשיות איז אוודאי פרעה מיט פידזשאמעס אינמיטן די נאכט!

יעדער האט ביי זיך אין קאפ דעם בילד ווי אזוי פרעה דער קליינער לויפט ארום א פארלוירענער אינמיטן די נאכט מיט זיין פּאַם פּאַם היטל און מיט לבנה פידזשאמעס און ער שרייט "משה משה וואו ביסטו?"

די קינדער מיט א שמייכל ווייזן אים "גיי דא" און דער שרייט "ניין גיי דארט" יעדער טראגט אים ערגעץ אנדערש, פרעה איז ללעג ולקלס, ער לויפט ארום גאנץ מצרים זוכן משה רבינו.

***

"נאך א בעיבי, נאך א בעיבי, נאך א בעיבי, נאך א בעיבי" וואס איז פשט פון דעם? פרעגט מיר מיין חבר חיים.

"וואספארא מין ניגון איז דאס?"

"האסט געהערט די סידי" פרעג איך אים?

"יא" ענטפערט ער, "אביסל... איך האב אנגעהויבן..."

"שיינע סידי! אה?!" מ'קען מיט יעדע ניגון עקסטער זיך מחי' זיין, ס'הייסט אפיציעל אז ס'איז א סידי פון חיזוק פאר פרויען, אבער יעדער איינער קען זיך מיט דעם מחי' און מחזק זיין!

צומישטערהייט קוקט מיר מיין חבר אן און שאקלט מיט מיט א האלבע קאפ,

# דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



"יא יא כ'מיין אזוי, ס'איז טאקע א שיינע סידי, איך מוז עס נאכאמאל איבערהערן".

"אבער איך האב געזען א ס'דא א טרעק וואס רעדט פון טרעפי, איך האב אביסל אנגעהויבן עס צו הערן, איך קען נישט גלייבן אז ס'דא איינער וואס איז קעגן טרעפי! היינט מוז יעדער איינער האבן טערעפי".

"מיין פריינט, א שאד אז דו האסט נאר אויסגעהערט א חלק פונעם ניגון, פארקערט דער ראש ישיבה זינגט דארט טאקע דאס אז יעדער איינער מוז גיין צו טערעפי".

"אמת'דיג?!"

"יא, אמת'דיג!" דער ראש ישיבה זינגט "רעדט צום באשעפער, רעדט צום באשעפער, פרוביר עס נאכאמאל רעדט צום באשעפער, דאס איז די בעסטע טערעפי וואס איז דא אין אלע צייטן פיר און צוואנציג שעה, רעדט צום באשעפער, רעדט צום באשעפער, פרוביר עס נאכאמאל, רעדט צום באשעפער, רעדט צו אים אפאר מינוט, אלעס וועט דיר ווערן גוט".

"דאס איז טערעפי וואס יעדער איינער מוז האבן, ס'איז אמת יעדער דארף א טעראפיסט, א מענטש מוז זיך אויסרעדן זיין ווייטאג, אבער אנשטאט לויפן צו א מענטש א בשר ודם, א נער א טיפוש וואס קען זיך אליינס נישט העלפן, און אים דערציילן אלעס וואס גייט אויף דיר איבער, ער זאל נאכדעם קענען שפעטן פון דיר, לויף צום אייבערשטן, פארצייל אים אלעס דיינע נסיונות אלע דיינע יסורים, אלע דיינע פראבלעמען און פחדים, און דו וועסט ווערן געזונט ווייל דער אייבערשטער העלפט!"

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מענטשן וואס זענען נעבעך פארכאפט און די טערעפי אנשיקעניש האט א פנים ווי פרעה מיט די פידזשאמעס...

ער איז צובראכן ווי א שארב ער זוכט א ישועה, א וועג ארויס פון זיינע פראבלעמען, קומט א חכם און זאגט אים "יענער איז א גרויסער מומחה בתורת הנפש, ער וועט דיר קענען העלפן, גיי צו אים". ווען יענער קען נישט העלפן לויפט ער צו א צווייטן און פרעגט אים "וואס טו איך דא?"

זאגט אים יענער "צו אים ביסטו געגאנגען? נעע ער איז א שוסטער, ער טויג צו גארנישט, דארט איז דא איינער זייער א גרויסער טעראפיסט, מיט א אייגנארטיגע מהלך וואס ער וועט דיר העלפן..."

אויסגעשפילט ווי א נאר טרעפט ער זיך ווייטער אומבאהאלפן. זאגט אים איינער "מעעע ביי יענעם ביסטו געווען? ער ווייסט נישט וואס טוט זיך מיט זיך, קום איך האב איינעם די מומחה פון אלע מומחים, ער וועט דיר קענען העלפן".

און ווי א נאר טרעפט ער זיך ווייטער ארומלויפן די שטאט פונקט ווי פרעה מיט די פידזשאמעס און שרייט "וואו איז משה? וואו איז דא איינער וואס קען מיר העלפן?"

דער זאגט אים מאך א רעכטס, און דער צווייטער שרייט מאך א לינקס, און דער ווי א נאר פאלגט נאך, ער לויפט אהין, ער לויפט צוריק, ער זוכט משה רבינו, ער זוכט איינער וואס קען אים העלפן.

ר' איד טו דיר אויס דיין פּאַם פּאַם היטל און לויף אוועק פון די אלע וואס מאכן חוזק פון דיר, זיי נישט צו נאר ווי פרעה. לויף צום באשעפער, פארצייל נאר פארן אייבערשטן אלעס וואס גייט אויף דיר איבער, טראכט נישט פאר קיין איין סעקונדע אז א מענטש קען דיר העלפן.

שכח אייבערשטער אז מיר האבן א צדיק וואס דערמאנט אונז נאכאמאל און נאכאמאל צוריק צו לויפן צום אייבערשטן, רעדן צום אייבערשטן און זיך פארלאזן נאר אויפן באשעפער!



# א מעשה
## פון א צדיק

## אִיךְ דַארְף אַ תִּיקוּן!

אִין דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ גְבִיר וָואס אִיז גֶעוֶוען נֶעבֶּעךְ אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער בַּעַל עֲבֵירָה, אֵיין שֵׁיינֶעם טָאג אִיז אַרַיין אִין אִים אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי וֶועג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אִיז נָאר דוּרְךְ פַּיינִיגְן דִי גוּף מִיט סִיגוּפִים, פַּאסְטְן אַפָּאר טֶעג אִין אַ צִי אוּן זִיךְ וַואלְגֶערְן אִין דִי שְׁנֵיי.

אִיז עֶר אַרַיין צוּם הֵיילִיגְן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן דֶערְצֵיילְט אַלֶע זַיינֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט אַלְץ גֶעטוּן, אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם הֵיילִיגְן מַגִּיד: "רֶבִּי אִיךְ דַארְף אַ תִּיקוּן! גֶעב מִיר אַ דֶרֶךְ תְּשׁוּבָה! וִויפִיל טֶעג דַארְף אִיךְ פַאסְטְן? מִיט וֶועלְכֶע סִיגוּפִים דַארְף אִיךְ פַּיינִיגְן מַיין גוּף?"

רוּף זִיךְ אָן דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אָן צוּ דֶעם אִיד "דַיין תִּיקוּן וֶועט זַיין אַז יֶעדְן טָאג וֶוען דוּ גֵייסְט עֶסְן, זָאלְסְטוּ טְרִינְקְן אַ גְלָאז פוּן גוּטֶע וֵויין פוּן דִי בֶּעסְטֶע וָואס עֶס אִיז נָאר דָא, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ עֶסְן גוּטֶע זַאפְטִיגֶע פִישׁ אוּן פֶעטֶע בַּא'טַעֲמְ'טֶע פְלֵיישׁ פוּן דִי בֶּעסְטֶע וָואס עֶס אִיז נָאר פַארְהַאנֶען, מִיט גֶעשְׁמַאקֶע וַוייסֶע בְּרוֹיט".

דֶער עוֹשֶׁר הֶערְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן טְרַאכְט צוּ זִיךְ מִיט וואוּנְדֶער וָואס גֵייט דָא פָאר? אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דֶער רֶבִּי וֶועט מִיר גֶעבְן אַ שְׁוֶוערֶע תִּיקוּן פוּן פַאסְטְן עֶטְלִיכֶע טֶעג! זִיךְ וַואלְגֶערְן אִין דִי שְׁנֵיי!

הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם הֵיילִיגְן מַגִּיד "רֶבִּי דָאס אִיז נִישְׁט אַ תִּיקוּן אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען וַוייל אִיךְ דַארְף אַ תִּיקוּן".

הָאט דֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד גֶעזָאגְט: "לָאמִיר דִיר מַסְבִּיר זַיין אוֹיבּ דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג עֶסְן גוּטֶע זַאפְטִיגֶע פִישׁ אוּן פְלֵיישׁ, אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַן אָרִימַאן קְלַאפְּן אוֹיפְן טִיר פַאר אַבִּיסֶל עֶסְן, וֶועסְטוּ אִים כָאטְשִׁיג גֶעבְן טְרוּקֶענֶע בְּרוֹיט אוּן פָּשׁוּטְע וַואסֶער, אָבֶּער אוֹיבּ אִיךְ וֶועל דִיר הֵייסְן פַאסְטְן אוּן עֶס וֶועט קוּמֶען אַן אָרִימַאן צוּ דַיין טִיר צוּ בֶּעטְן עֶסְן, וֶועסְטוּ אִים זָאגְן 'גֵיי עֶס שְׁטֵיינֶער' וַוייל אוֹיבּ אַ עוֹשֶׁר וִוי מִיר קֶען פַאסְטְן אִיז דִיר גֶענוּג שְׁטֵיינֶער אוּן שְׁמוּצִיגֶע וַואסֶער".



הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זִיךְ וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען זַיין גוּט צוּ אַנְדֶערֶע נָאר פַארְקֶערְט עֶר וֶועט זִיךְ פִירְן שְׁלֶעכְט צוּ אַ צְוֵוייטְן, נוּ אִיז וִוי קֶען מֶען זַיין גוּט צוּ אַנְדֶערֶע? דָאס הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיי דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין אַז בִּיסְט גוּט צוּ דִיר אַלֵיין וֶועסְטוּ זַיין גוּט צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן.

(שיחות מוהרא"ש חלק חלק י"ב ערך טוב)



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע



ק"ו

## פָּארזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

רֶבִּי נָתָן הַאלְט זִיךְ אוֹיף בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּ'ין אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב פַאר דְרֵיי וָואכְן, בִּיז נָאךְ שַׁבָּת חֲנוּכָּה.
גְלַייךְ נָאךְ חֲנוּכָּה, הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט אַהֵיים קַיין נֶעמִירוֹב, אוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מְנִיעוּת, צַעַר אוּן יִסוּרִים, וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעלִיטְן פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה, קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן אוּן אַרָאפְּשְׁרַייבְּן. עֶר הָאט גֶעמוּזְט גֵיין צוּ זַיין זֵיידֶע, זַיין מַאמֶע'ס טַאטֶע, וָואס עֶר הָאט אִים יָא מְכַבֵּד גֶעוֶוען.

דֶערְוַוייל אִיז זַיין וַוייבּ גֶעפָארְן צוּ אִיר טַאטֶע, הרה"ק רֶבִּי דָוִד צְבִי זי"ע, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ אִים אַז זִי וִויל מֶער נִישְׁט לֶעבְּן מִיט אִיר מַאן. וֶוען אִיר טַאטֶע הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס, הָאט זִי דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ חָסִיד, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים מֶער גָארְנִישְׁט קַיין וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, אוּן עֶר הַאלְט אִין אֵיין פָארְן צוּ זַיין רֶבִּ'ין. הָאט דֶער טַאטֶע אִיר גֶעפְרֶעגְט, "זַייט עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ זַיין רֶבִּי, לֶערְנְט עֶר נָאךְ תּוֹרָה?", הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט, "וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, טַאטֶע. פוּן וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ זַיין רֶבִּי, לֶערְנְט עֶר פִיל מֶער פוּן פְרִיעֶר, בְּכֵפֶל כִּפְלַיִם, עֶר רוּעֶט נִישְׁט קַיין טָאג אָדֶער נַאכְט, עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע צַייט".

הָאט אִיר טַאטֶע אִיר גֶעזָאגְט, "אוֹיבּ זַיין רֶבִּי שַׁיינְט אַרַיין אִין אִים אַזַא לִיבְּשַׁאפְט צוּ תּוֹרָה, דַארְפְסְטוּ אַרְבֶּעטְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת אַז עֶר זָאל וַוייטֶער קֶענֶען לֶערְנֶען, מִיט דִי נָאז זָאלְסְטוּ אַקֶערְן אוּן אִים מְפַרְנֵס זַיין, זָאלְסְט אֲפִילוּ שְׁטֵיין מִיט אַ זַאק זַאלְץ אוּן פַארְקוֹיפְן אִין מַארְק. אִיךְ בִּין זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַאר זַיין רֶבִּ'ין אַז הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אִים אַזַא שְׁטַארְקֶע הַתְמָדַת הַתּוֹרָה". וַוייל תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ.

דַאן אִיז זִי צוּרִיק גֶעפָארְן צוּ אִיר מַאן, רֶבִּי נָתָן, קַיין נֶעמִירוֹב, אוּן סְ'הָאט זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּגֶעשְׁטִילְט דִי קְרִיגֶערַיי, זִי הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן אַבִּיסְל מְכַבֵּד צוּ זַיין.

עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּ'ין קַיין בְּרֶסְלֶב, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז דַאן גֶעפָארְן צוּם שְׁטָאט טוּלְטְשִׁין, צוּ זַיין פֶעטֶער הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי בָּרוּךְ פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי"ע, וָואס הָאט זִיךְ דַאן דָארְט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר וֵוייסְט אַלֶע שָׁרָשִׁים פוּן דִי תּוֹרָה פוּן דִי פְּלַאץ פוּן וואוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה קוּמְט, וַוייל סְ'זֶענֶען דָא וָוארְצְלֶען פוּן דִי תּוֹרָה, וָואס זֶענֶען נָאךְ הֶעכֶער פוּן דִי תּוֹרָה, וָואס פוּן דָארְט וֶוערְט נִמְשָׁךְ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אוּן דָאס קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט נִתְלַבֵּשׁ וֶוערְן אִין דִי תּוֹרָה בִּכְלַל; אוּן סְ'זֶענֶען אוֹיךְ דָא זַאכְן וָואס זֶענֶען אַ בְּחִינָה פוּן אַן אַסְמַכְתָּא, סְ'אִיז נָאר בְּדֶרֶךְ אַסְמַכְתָּא בְּעָלְמָא, סְ'לַיינְט זִיךְ אָן אוֹיפְ'ן פָּסוּק, וַוייל סְ'אִיז גָאר גְרוֹיס אוּן הוֹיךְ.

שַׁבָּת שִׁירָה, י"ג שְׁבַט, אִיז דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְדֶערְהֵיים, עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג, אַזוֹי וִוי זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ פָארְן אוֹיף שַׁבָּת שִׁירָה צוּ אֵיינֶע פוּן דִי שְׁטֶעט, אוּן דָארְט הָאט עֶר זָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ט"ו, ה') "תְּהֹמֹת יְכַסְיֻמוּ" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ט').

דֶעמָאלְט הָאט פַּאסִירְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט ר' נַפְתָּלִי, אַז עֶר הָאט גֶעזֶען אִין חָלוֹם וִוי אֵיינֶער קוּמְט צוּ אִים פוּן יֶענֶע וֶועלְט אוּן פְרֶעגְט אִים צוּ וֶועלְכְן צַדִיק עֶר אִיז מְקוּרָב, אוּן עֶר הָאט יֶענֶעם גֶעזָאגְט "צוּם בְּרֶסְלֶבְ'עֶר רֶבִּי", הָאט אִים יֶענֶער גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים עֶפֶּעס נָאכְזָאגְן אַ דְבַר תּוֹרָה פוּן רֶבִּ'ין, אוּן אַזוֹי וִוי סְ'אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט גְלַייךְ נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי תּוֹרָה פוּן רֶבִּ'ין, הָאט אִים ר' נַפְתָּלִי גֶעזָאגְט דִי אָנְהוֹיבּ פוּן דִי תּוֹרָה, "דִי עִיקָר חַיוּת בַּאקוּמְט מֶען פוּן תְּפִלָּה, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִים מ"ב, ט') תְּפִלָּה לְקֵל חַיָּי". .

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

ליל שישי לסדר "ויקחו לי תרומה"

## דער שווער



מעג איך העלפן מיין איידעם פון מעשר?

## דער אינוועסטער



דארף איך געבן מעשר פון א ריפיינענס?

## דער כולל אינגערמאן



מעג איך קויפן ספרים פון מעשר?

## דער פילאנטראפ



איז מעשר גענוג? אדער דארף איך געבן נאך צדקה?

## דער ברסלב'ער



מעג איך צאלן פאר אומאן פון מעשר?

## דער טאטע



מעג איך צאלן שכר לימוד פון מעשר?

# הערט פונעם דיין שליט"א

קלאר אלע הלכות וואס איז נוגע פאר יעדן איינעם אין הלכות מעשר.

**האט איר א שאלה אין הלכות מעשר?**

יעצט איז די צייט...

איר קענט עס איבערגעבן פאר מו"ה אברהם יצחק אייזנער ני"ו
**646.923.2563**
און עס וועט אי"ה ווערן איבערגעגעבן פארן דיין שליט"א

מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב

רענט קאמפיין

מסיבה השנתי

דער ראש ישיבה | דער דיין | מעכי

*sruliHeskel

# סעודה מיטן ראש ישיבה

סעודת שבת קודש
שמחת תורה תשפ"ה
געברענגט דורך יואל פ.



שמחת תורה צופרי נאך די הקפות האב איך געהאט די זכיה צו עסן די סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א

שמחת תורה איז דער ראש ישיבה נישט געווען ביי זיך אינדערהיים אויף די האשקי גאס, נאר ער איז געווען אין ירושלים גאס, דארטן ווי מען האט געפירט די הקפות. שמחת תורה איז געווען פרייטיג, און נאך די סעודה האט דער ראש ישיבה מיט זיין משפחה שפאצירט פון ירושלים גאס ביז זיין הויז אויף האשקי א וועג פון בערך א שעה, ווי דארט איז ער געווען אויף שבת.

## זיך יאגן רואיגערהייט

די דאזיגע סעודה איז געווען פאר מיר גאר אן אינטערעסאנטע סעודה, נישט ווייל ס'איז געווען עפעס ספעציעל אינטערעסאנטע שיחות וכדומה, פארקערט, ס'איז געווען א פשוטע סעודה, נאר אזוי ווי די הקפות און דאווענען האט זיך געענדיגט הערשט נאך 2:00 אזייגער, ביז מען איז אנגעקומען צו מאכן קידוש איז געווען בערך 2:30 און איך האב געוויסט אז ס'איז ערב שבת, און דער ראש ישיבה מיט די משפחה דארפן נאך אהיים גיין מיט אלע קינדער א שעה וועג, און אנגרייטן דעם שבת, מוז מען דאך לכאורה זיך זייער שטארק יאגן מיט די סעודה, פארדעם איז מיר די סעודה געווען אזוי אינטערעסאנט, צו זען ווי אזוי מען יאגט זיך רואיגערהייט. איך מוז טאקע זאגן אז ס'איז געווען א רואיגע געשמאקע פרייליכע סעודה, מען האט נישט געפילט אז מען איילט זיך.

בשעת די סעודה איז טאקע נישט געווען געיאגט, אבער בעפַאר די סעודה האט זיך דער ראש ישיבה זייער שטארק געיאגט אנצופאנגען די סעודה, ווייל דער ראש ישיבה האט נישט געמאכט קיין קידוש צופרי אזוי ווי דער גאנצע עולם, נאר ער האט געפירט די הקפות מיט איבערמידליכע כוחות, ווי יעדער האט אליינס מיטגעהאלטן און אלעס אן אריין נעמען עפעס אין מויל! ממילא יעצט ווען ער איז אהיים געקומען פון די הקפות נאכן אריין לייגן אזוי פיל כוחות, איז ער געווען ממש אויסגעמאטערט און הונגעריג, ער האט זיך געמוזט דערכאפן דאס הארץ.

אנקומענדיג אהיים, איז די סעודה נאכנישט געווען אנגעגרייט, קיינער איז נישט געווען אין שטוב, איך האב צוגעקוקט ווי אזוי דער ראש ישיבה האט גענומען די זאך אין די הענט, טאקע געיאגטערהייט, אבער רואיג און געשמאק. דער ראש ישיבה האט אויסגערופן פאר ווער עס איז דארט געווען "ווער ס'קען זאל העלפן אנגרייטן די סעודה, איך האב נאך נישט קידוש געמאכט פון צופרי". נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די גרויסע קינדער וואס צו טון, פאר איינעם - דו גרייט אן די פיש, פאר א צווייטע קינד - דו טראג אריין די חלות, און דו - גרייט אן די דיפס און אזוי ווייטער, ווען אינצווישן זאגט ער פאר איינע פון די קלענערע קינדער "גיי קוק וואו מאמי איז".

ווען אלעס פון די סעודה איז שוין געווען אנגעגרייט, איז דער ראש ישיבה געשטאנען ביי זיין פלאץ און אנגעגאסן די בעכער,

און געווארט אז זיין ווייב זאל אהיים קומען.

גלײַך ווען זי איז אריינגעקומען אין שטוב, האט דער ראש ישיבה געזאגט א גוט יו"ט מיט א שמייכל, און געפרעגט "מ'קען מאכן קידוש?" און גלייך אנגעהויבן אלה מועדי וכו'. נאך קידוש האט דער ראש ישיבה געשיקט דורך א קינד א גלעזל מיט גרעיפ דזשוס פאר זיין ווייב, און גלייך זיך געגאנגען וואשן, נישט ווי געווענטליך וואס ער געבט פאר יעדן ווייץ, און ער וואשט די קליינע קינדער.

נאך א זאך, ס'איז געווען דארט נאר צוויי גרויסע חלות פאר לחם משנה, און דער ראש ישיבה האט נישט געווארט אויף די אינגעלייט זאלן זיך וואשן און קענען האבן לחם משנה, נאר ער האט גלייך אויפגעשניטן די חלה. נאכדעם וואס ער האט געגעסן אביסל חלה מיט עפעס א דיפ, האט ער אפגעשניטן סלייסעס חלה און געגעבן פאר יעדן, און געזאגט אז ער האט שוין יעדן מוצא געווען מיט לחם משנה, אבער אלעס איז געווען מיט די גרעסטע רואיגקייט. פאר מיר איז געווען זייער אינטערעסאנט צו זען די סצענע, ווי אזוי מען יאגט זיך מיט א רואיגקייט.

## היינט באדערט שוין נישט

איינער האט בטעות אויסגעטרינקען די גלעזל וואס דער ראש ישיבה האט געהאלטן אינמיטן טרינקען, אין האט זיך אנטשולדיגט אז ס'איז געווען בטעות, האט דער ראש ישיבה געזאגט "מחול לך מחול לך" און דער ראש ישיבה רופט זיך אן: היינט נאכן זיין מקורב צום רבי'ן באדערט מיך נישט די סארט זאכן, אמאל פארן מקורב ווערן צום רבי'ן פלעגט מיך באדערן אזעלכע זאכן. בכלל איז אינטערעסאנט צי צו צייכענען וואס יעדער וואס איז שוין געווען ביים ראש ישיבה ביי א סעודה קען פארציילן אז אינדערהיים איז ביים ראש ישיבה אנדערש ווי אין ישיבה, ער איז צוגעלאזן און געדולדיג, יעדע זאך איז מיט א שמייכל מיט א רואיגקייט, עס קוקט אויס ווי ער האט די וועלט'ס צייט און הלל'ס געדולד, און אפילו ווען ער רעדט שטרענג צו א קינד ווייל מ'דארף אים מחנך זיין, קען מען זעהן קלאר אז ס'איז נאר משפה ולחוץ, ווייל די רגע ער האט געענדיגט צו רעדן שטרענג, שפירט מען אין די לופט א רואיגקייט, ממש כאילו לא היה, מען זעט ווי ס'באדערט אים גארנישט!

איינער פון די קינדער איז געקומען וויינען אז א אנדערע (מער עלטערע) קינד שפילט מיט עפעס א שפילצייג וואס ער דארף, האט דער ראש ישיבה געזאגט "ער מעג דאס האבן" און דער ראש ישיבה זאגט פאר זיין ווייב "נישט אייביג דער וואס וויינט איז גערעכט."

דער ראש ישיבה האט רוואיג געשמועסט מיט זיין ווייב על דא ועל הא, ער האט איר געפרעגט וועם אלץ זי האט געטראפן ביי די הקפות, און וואס מען האט געשמועסט ביי די הקפות.

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיין קליינער אינגל יחזקאל'ע: "זאג פאר מאמי אז די ביסט געווען אינטער מיין טלית ביי כל הנערים און אז איך האב דיך אפילו אויך אויפגעהויבן אויף מיין אקסל" יחזקל'עס אויגן האט אויפגעשיינט ווי ער האט זיך דערמאנט אז דער ראש ישיבה האט אים גענומען צו כל הנערים, דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיין ווייב: "איך האב ספעציעל געמאכט זיכער אריין צו רופן אלע אונזערע קינדער, אז מען זאל נישט זאגן אז יעדן'ס קינדער האב איך אינזין חוץ די אייגענע".

מען האט געברענגט קרויט, איך האב געפרעגט דעם ראש ישיבה וואס איז די טעם פארוואס מען עסט קרויט שמחות תורה? האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער ווייסט נישט, עפעס באהאלט מען, און דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין ווייב צו זי ווייסט די טעם? האט זי געזאגט "איך קָאך דאס, און דו זאג די טעם" האט דער ראש ישיבה געזאגט "ס'איז זייער גוט."

דער ראש ישיבה'ס ווייב האט אים געבעטן: זינג עפעס! די האסט נאך גארנישט געזינגען לכבוד יו"ט! האט דער ראש ישיבה געזאגט: איך האב גארנישט געזינגען? "איך האב שוין געזינגען אפאר שעה ביי די הקפות"! למעשה האט דער ראש ישיבה אנגעפאנגען א ניגון: אתה בחרתנו, אבער מען האט נישט געהעריג מיטגעהאלפן (עס איז נישט געווען דארט קיין גרויסע בעלי מנגנים) איז די ניגון געווארן אויס, האט דער ראש ישיבה פרובירט אן אנדערע ניגון, ווייטער האט קיינער נישט געהעריג מיטגעזינגען, דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו א בחור

> היינט נאכן זיין מקורב צום רבי'ן באדערט מיך נישט די סארט זאכן, אמאל פארן מקורב ווערן צום רבי'ן פלעגט מיך באדערן אזעלכע זאכן.

וואס איז דארט געזיצן מיט א ווערטל: "זעסט אז איך האב געווינען, אז מ'גיט נאך געווינט מען".

דער ראש ישיבה האט פארציילט א מעשה פון תפילה: אז ער האט געוואלט האבן וויין פאר יו"ט, ווייל יו"ט טרינקט ער געווענטליך וויין, למעשה האט ער זיך געטראפן אין יו"ט אן קיין וויין, האט ער געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל האבן וויין, און איינער האט אים געברענגט א באטל וויין לכבוד יו"ט, ממש דאס וואס ער גלייכט.

דער ראש ישיבה האט אפגעשמועסט מיט זיין ווייב וואס אלץ מען דארף אהיים שלעפן, ווייל מען מוז דאס האבן פאר שבת, זי האט געפרעגט: ווער וועט שלעפן די זאכן? האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך וועל דאס שלעפן"!

גלייך נאכן בענטשן, דער ראש ישיבה האט געענדיגט זאגן השם יברך את עמו בשלום, גלייך האט ער אויסגערופן "יעדער מאכט זיך גרייט א און מעןווארט ביי די שארקאט" און גלייך זיך געגעבן א טו אויס די שטריימל און בעקיטשע און אנגעפאנגען מסדר צו זיין די קליינע קינדער.

איך האף אז די ליינער וועלן הנאה האבן, און זיך אפלערנען אויף למעשה פון די קליינע סעודה, איך האב טאקע נישט צופיל וואס צו שרייבן, ווייל די גאנצע סעודה האט אפשר גענומען א שעה, אבער פאר מיר איז די סעודה געווען גאר א שטארקע לימוד, אסאך מער ווי סיי וועלכע לאנגע סעודה ביים ראש ישיבה, ווייל איך האב געזען א פרייליכע רואיגע פשוטע סעודה, מען האט פארברענגט רואיג, אפילו אינצווישן א צייט וואס פארדעם און נאכדעם איז געווען זייער געיאגט!!

# פאר די ברסלב'ע שטוב




**נייע שפאנענדע פארזעצונג**

**ג. פעקעטע:** היינטיגער קריעת ים סוף

**ש. ח שטעסל:** א שמועס מיט מרת א. איגדיג מאנטריאל

**מ. פאפענהיים:** מיין רעטונגס שטריק



# צען קינדערלעך - צען וועלטעלעך!

ש. טראכטער

# לאמיר שמועסן

**נאמען:** מרת א. אינדיג.

**וואוינארט:** מאנטריאל קאנאדא.

**קינדער:** שכח אייבערשטער זעקס לעכטיגע געזונטע מתנות.

**א ניגון וואס עפנט דיר די הארץ:** 'לעכט צינדן' פון די נייע אלבום מיין בעסטע פרענד.

**א פלאץ אדער צייט וואס דו האסט ליב צו רעדן צום אייבערשטן:** צופרי נאכן ארויסשיקן די קינדער, בשעת'ן טרינקען מיין קאווע.

**וואס גלייכסטו צו טון אין דיין ליידיגע צייט:** כאפן א קורצע דרימל צו האבן כח צו אנגיין מיט די שטוב ארבעט. אדער זאגן תהילים און אריינפלעכטן מיינע אייגענע תפילות.

**דיין ציל אין לעבן:** אויפציען ערליכע דורות וואס גלויבן אינעם אייבערשטן און אין די צדיקים.

שכח אייבערשטער אז דער אייבערשטער האט מיר געשאנקען זעקס לעכטיגע קינדער, אין די יארגאנג צווישן 5 חדשים ביז 9 יאר (אויף וועמענס חשבון? אויף דעם אייבערשטנ'ס חשבון!) און אין די זעלבע פעקעדש האט ער מיר אויך מיטגעשיקט א מויל וואס ווען איך פיל אז איך באכלעפטשע זיך נישט אדער עפעס מיט איינע פון די קינדער גייט שווער קען איך בעטן הילף און ער האט שוין זיינע וועגן מיר צו העלפן.

צופרי שטיי איך אויף ארום 8 אזייגער און איך געב איבער מיין טאג פארן אייבערשטן. דערנאך נעם איך זיך צו די ארבעט פון אנגרייטן עסן פאר די קינדער צו מיטנעמען צו די חדר און סקול. דא איז נישט אזוי ווי אין אמעריקע וואס מען שטעלט צו פאר די קינדער עסן אין חדר און אין סקול, דעריבער דארף איך מיטשיקן פאר יעדן קינד א ברויט מיט א מזונות, אדער א פיינע זאפטיגע פרוכט

איך טו זיי אן ווארעם און מען גייט ארויס ווארטן אויף די באס. שכח אייבערשטער אז מיין הויז איז געבויעט אויף א וועג וואס די קינדער דארפן נישט ווארטן ממש אויף די גאס, וואס ווי באקאנט קען דא אין מאנטריאל זיין זייער שטארקער פראסטן און ציפעדיגע ווינטן, וואס די אמעריקאנע און די ארץ ישראל'דיגע עולם האט מן הסתם נישט מיטגעהאלטן. אזוי קענען זיי ווארטן אויף די באס אן צו ווערן א שטיק אייז ביז ווען די באס קומט אן. אנדערש ווי ביי אנדערע משפחות וואס די קינדער דארפן ווארטן אינדערהיים און ווען די באס קומט געבן זיי א לויף שנעל נישט צו פארשפעטיגן, און אין די זעלבע צייט אכטונג געבן נישט צו כאפן א גליטש אויף די הויכע שניי

אין אמעריקע איז דער דרייווער דער באס רבי בדרך כלל, דא איז דא נאך א רבי\טיטשער אויפן באס וואס קומט העלפן פאר די קינדער צוקומען און ארויפגיין אויף די באס וועגן די שניי. נאכן ארויס שיקן יעדעם איינעם האב איך אפאר מינוט צו טרינקען מיין קאווע און אנהויבן די 'דריי סטעפ מעטאד' וואס איך טו יעדן טאג וואס דאס איז איין מינוט דאנקען, איין מינוט איבערבעטן, און איין מינוט בעטן אויף ווייטער און זיך אויסשמועסן מיטן אייבערשטן יעדע זאך וואס ליגט מיר אויפן הארץ.

איין טאג נעמט עס טאקע עס דריי מינוט און א צווייטע טאג קען זיך עס ציען לענגער, אבער אויף די דריי

ש.ח. שטעסל

מינוט בין איך נישט מוותר, אפילו עס קען אסאך מאל אויסזען ווי עס איז א שווערע זאך, אבער איך בעט אלץ אויף דעם אז איך זאל יא האבן די באשטימטע פאר מינוט צו שמועסן מיטן אייבערשטן.

נאכדעם געב איך זיך אפ מיט מיין בעבי וואס שטייט געוועגליך אויף אין די צייט, איך טו אים אן און געב אים צו עסן. שפעטער דאווען איך אביסל. מיין דאווענען איז מער ווייניגער: ברכות השחר, קריאת שמע, אני מאמין, מיט די אידישע שמונה עשרה, תיקון הכללי, אפאר קורצע אידישע תחינות פון קרבן מנחה סידור, און תפילות וואס איך שנייד ארויס פון עצתו אמונה, מיט אפאר קאפיטלעך תהילים. דערנאך עס איך פרישטאג, און איך נעם זיך צו די שטוב ארבעט.

איין מאל א וואך גיי איך ארויס צו די פרויען צאמקום אין טאהש וואס דא איז אנדערש ווי ביי אנדערע פלעצער אז די שיעור איז אינדערפרי, ווייל דעמאלס שטעלט זיך עס די בעסטע אויס פאר די מאמעס.

דריי אזייגער קומען שוין אהיים די יונגערע קינדער, און ארום פינף אזייגער קומען אהיים די עלטערע קינדער. זונטאג געב איך בדרך כלל שיריים פון שבת, מאנטאג און דינסטאג עסט מען פליישיגע עסן, מיטוואך פיש אדער מילכיגס, דאנערשטאג עסט מען פון די פיינע פרישע עסן פון שבת. נאך נאכטמאל שפילן נאך די קינדער אביסל ביז מען דארף שוין גיין שלאפן. ארום זיבן אזייגער הייבט מען אן לייגן שלאפן די קינדער.

חנוכה צייט האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט ביי א שיעור פאר די אידישע שטוב אז קינדער דארפן גיין שלאפן צייטליך 'א קינד פון זעקס יאר דארף שוין שלאפן זיבן דרייסיג' איך האב מיך געפריידט דאס צו הערן אז שכח אייבערשטער איך האלט גוט, ווייל איך האב נישט געוואוסט צו עס הייסט שפעט צו פרי, און דאס האט מיר עס געמאכט קלאר.

די פראצעדור פון לייגן שלאפן קען איין טאג גיין געשמירט און שנעל און א צווייטע טאג ציט זיך זיך עס לענגער, אבער שכח אייבערשטער אז מיין מאן העלפט מיר מיטן לייגן שלאפן, ערליינט מיט זיי קריאת שמע, אזוי האב איך אביסל צייט צו אוועק רוימען די נאכטמאל, וואשן געשיר, און צאמלייגן אביסל וועש, וואס גראדע צאמלייגן וועש איז זייער א באליבטע זאך ביי מיר, ווייל איך קען דערוויילע אויסהערן א שיינע שיעור פון דער ראש ישיבה שליט"א און אזוי מאכן סיומים אויף בערגעלעך וועש.

איך ענדיג צו די לעצטע פאר זאכן אין שטוב, איך גרייט מיך אן צו גיין שלאפן, נעגל וואסער, קריאת שמע של האריז"ל, און אריין אין בעט נאך א לאנגע טאג אנגעפילט מיט גוטע זאכן.

# א טיפ פאר די אידישע מאמע:

אזוי ווי אלע אידישע מאמעס וואס ווילן צושטעלן גוטע קרעפטיגע עסן, וואס נעמט נישט קיין סאך צייט, אדער פאדערט עס נישט קיין פאטשקעריי, איז די רעצעפט ווי פאלגענד. איך נעם א זיסע קארטאפל (סוויט פאטעיטא) איך צושנייד עס. איך לייג עס קאכן צוזאמען מיט די פלייש מיט אביסל זאלץ און אויל. אדער באק איך עס מיט אביסל אויל מיט זאלץ אויף 400 פערנהייט\200 צעלסיוס פאר 45 מינוט. יעדער איז זיך מחיי'.

- מרת אינדיג




*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

# קלאסיפיידס

גיבט אייער נדבה פאר א אינגערמאן פון צפת צו קענען אויסצאלן די נסיעה צום הייליגן רבינ'ס ציון אויף ראש השנה, און ער וועט גיין מתפלל זיין פאר אייך ביי מוהרא"ש'ס ציון אין טאג פון די יארצייט.

רופט יעצט אלחנן זויבערמאן
972-54-845-6692
ez3151387@gmail.com




Exciting news!

Sticky stick has a large variety of TGC stickers!
Treat your girls to a nice selection.

Call **845-693-4274**

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו**
**וזוגתו ביילא שיינדל תחי'**
**צום בר מצוה פון אליעזר שלמה נ"י למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט.

פאר די
# ברסלב'ע שטוב

מ. פאפנהיים

מיין רעטונגס
# שטריק

”מאמי קום זען! ס'איז דא א ריזיגע טראק!“

מיין צוויי יעריגער איז ארייגעלאפן אין שטוב פארסאפעט און מיר געשלעפט ביים קלייד, איך האב געהערט דעם הויכן גערודער פונעם טראק, און איך בין עכט געווארן נייגעריג.

”וואו! ס'איז דא א טראק? לאמיר גיין קוקן!“

דער קליינער האט זיך געפילט וויכטיג מיר צו ווייזן פון וועלכע פענסטער מען קען עס זען, און אזוי זענען מיר געשטאנען ביידע צוזאמען און באטראכט ווי א גרויסער טראק פארט אריין אינעם געסל נעבן אייגנער'ס הויז. ממש צו מקנא זיין - האב איך געטראכט - א מאמע שטייט מיט איר אינגעלע ביים פענסטער און געבט זיך אזוי שיין אפ מיט אים, גייט אריין אין זיין וועלטעלע פון טראקס און קארס... לאמיר איך אייך מיטטיילן וואס עס ליגט אונטער אזא גלאנציגע בילד...

נאך עטליכע טעג וואס איך האב פרובירט אים צו טרעינען, אים צו האלטן ריין, און עס איז פשוט נישט געגאנגען, האב איך געשפירט יענעם צופרי אז עפעס גייט פאסירן צו מיין מח, און אויב נישט גייט עס אויספלאצן אויף מיין זיסער לעבעדיגער



אינגל, וואס כאפט נישט וואס ס'האט אים פלוצלונג באפאלן, וואס איז נישט געווען גוט ביז היינט?!

האב איך באשלאסן אז איך גיי זיך אביסל אפשטעלן, אפשר נאך אפאר וואכן וועל איך זען אז ער איז שוין אביסל מער רייף צו דעם.

איך ווייס אז מומחים זאגן אז מען דארף אויסלערנען א קינד אין איין מאל, צוויי וואכן נאכאנאנד, און אויב מען טוישט ארום, איין טאג אזוי און אויפמארגן טוט מען פארקערט, קען עס אים זייער צומישן. ענק קענען לאכן פון מיר אז איך טראכט בכלל פון מומחים; דו ווייסט נישט אז אלעס גייט נאר מיט תפילה? דו האסט פרובירט צו בעטן דעם אייבערשטן?!

וועל איך אייך אויך דערציילן אז איך האב ברוך השם אזויפיל געבעטן דעם אייבערשטן ספעציעל פאר דעם, איך קען אפילו נישט ציילן וויפיל תפילות איך האב געליגט. אבער דער אייבערשטער האט געוואלט פון מיר אן אנדערע סארט עבודה. יענעם טאג האב איך געפילט אז איך קען עס מער נישט נעמען, איך בין געווען זייער פארלוירן, וואס גייט דא זיין? דער קינד גייט אמאל ווערן ריין?

אזוי זענען מיר געשטאנען צוזאמען און באטראכט דעם גרויסן טראק, דער טראק האט זיך אפגעשטעלט אנטקעגן פענסטער, און עטליכע ארבעטער האבן אפגעלאדנט א גרויסער אינטערסאנטער אייזן, זיי האבן זייער שווער געארבעט עס צו שלעפן און אריינפירן אונטערן בנין, אנטקעגן אונזער הויז.

וואס מיינט עס, דער גרויסער אייזן? וואס גייען זיי טון מיט דעם? עס גייט נישט אריבער קיין פולע שעה, און עס קומט אן נאך א טראק מיט נאך אן ענליכער אייזן. יעצט זענען אויך די שכנים'ס קינדער געשטאנען ביים פענסטער און זייער גרויסער אינגל - דער אלץ וויסער פון שטאט - האט געוואוסט צו דערציילן אז מען גייט בויען אונטערן בנין, אנטקעגן, א גרויסער נייער בנין מיט דירות צו וואוינען.

אה... איך האב זיך אלעמאל געוואונדערט צו זען דעם ליידיגן שטח צווישן די הייזער, איך האב געוואוסט אז עס טוט זיך אויף דעם קריגערייען און דין תורות צווישן די יורשים, זעט אויס אז מען איז זיך דורכגעקומען צווישן זיך, און מען גייט בויען!

איך פארשטיי נאר נישט פארוואס מען איז מיר נישט געקומען פרעגן פארדעם... איך האב וויכטיגע עצות צו צוגעבן...

פאר מיין צוויי יעריגער איז עס געווען א ישועה פון הימל, ער איז געזעצן צוגענאגלט צום פענסטער כמעט א גאנצן טאג און באטראכט מיט נייגער די טראקס וואס קומען און גייען, דער בנין אנטקעגן אונזער הויז האט פארשטעלט די ריכטיגע בוי ארבעט, אבער עס איז געווען אזוי אויך גענוג וואס צו זען. נאך עטליכע טעג פון שווערע ארבעט, האבן מיר געזען אז קודם בויעט מען אויף א גרויסער קרעין! די אלע אינטערעסאנטע אייזנס זענען שטיקלעך פונעם קרעין, וואס די ארבעטער שטעלן צוביסלעך אויף אזוי ווי א לעגא, עס איז געווען עכט אינטערעסאנט צו זען ווי זיי שטעלן עס צאם.

איך האב זיך אביסל געוואונדערט, פאר איין בנין דארף מען בויען אזא גרויסער קרעין? נאכדעם וואס די קרעין איז שוין געשטאנען פארטיג האט זיך אנגעהויבן די אינטערעסאנטע ארבעט, ווייל דער ליידיגער שטח איז צווישן הייזער, האבן די טראק'ס נישט געקענט אריינפארן ביזן בוי פראיעקט, זענען זיי צוגעפארן די נענסטע וואס זיי האבן געקענט, דאס איז געווען פונקט אנטקעגן אונזער הויז און טאקע פארדעם האט מען געבויעט דעם קרעין.

יעדן טאג זענען אנגעקומען פולע טראקס מיט בוי מאטריאל, אייזנס, העלצער, און אלעס וואס מען דארף, זיי האבן זיך אפגעשטעלט אנטקעגן אונזער הויז און עטליכע ארבעטער זענען ארויפגעקומען; דער קרעין האט זיך געדרייט העכער בנין און אראפגעלאזט א שטריק, די ארבעטער האבן צאמגעפאקט פעקלעך אייזנס און עס צוגעבינדן צום שטריק, דער קרעין האט עס אויפגעהויבן אין די לופט, און עס אריבערגעפירט איבערן בנין, און אראפגעלייגט אויפן ארבעטס ארט.

עס איז געווען אזוי שיין צו מיטהאלטן, א ריזיגער טראק קומט אן, מיט וויכטיגע מאטריאל וואס מען מוז האבן צו קענען ווייטער בויען, אבער עס בלייבט שטעקן, עס קען דאך נישט אריינפארן אין א בנין!

דו פילסט אויך צומאל אז דיין לעבן איז אפגעשטעלט? דו ווילסט אזוי שטארק בויען

ווייטער אבער קענסט נישט, וואלסט געוואלט האבן פליגלעך און זיך דערהייבן העכער און העכער... מען קען ארבעטן שווער, מען קען רופן אסאך ארבעטער און זיי וועלן קומען און שלעפן די שווערע אייזנ'ס אויף זייער רוקן, מען קען לויפן צו טעראפיסטן, עצה געבער'ס און חאכאמים, גיסן שווערע געלטער און ארבעטן אזוי שווער אז עפעס זאל זיך רוקן פאראויס. מען קען אויך זיך צובינדן צו א קרעין, זיך צובינדן צו א צדיק, און אים פאלגן; עפענען די מויל און רעדן צום אייבערשטן, ווייסט זען ווי זאכן נעמען זיך רוקן, מען פילט ווי די שטריק - די תפילה גייט ארויף העכער און העכער.

וואס איז דען א שטריק? ס'קען עפעס טון? אסאך מאל פילט מען, וואס איז שוין ווערד די פאר ווערטער וואס איך רעד ארויס מיטן מויל, אבער פלוצלונג זעט מען זיך אנקומען! זאכן פאלן אין פלאץ, די בוי מאטריאל קומט אן און מען קען ווייטער בויען!

איין טאג בין איך אריבער נעבן דעם בוי ארבעט, מען האט דאך נישט געקענט זען פון מיין פענסטער ווי מען ארבעט, איך בין געווען נייגעריג צו זען וואו מען האלט שוין, איך בין צוגעגאנגען צום הויכן צוים און אריינגעבליקט פון א שפאלט, ווי אנטוישט בין איך געווארן צו זען, א גרויסער ליידיגער אויפגעגראבענער גרוב, אנגעפילט מיט אייזנ'ס, העלצער און צעמענט. אויף דעם פלאגט מען זיך שוין אזוי לאנג?

אין זייט איז געשטאנען דער קאנטראקטער ער האט דווקא אויסגעזען זייער צופרידן, ער האט איבערגעקוקט די פלענער מיט עטליכע ארבעטער, און ער האט זיי געגעבן אנווייזונגען וואס צו טון ווייטער מיט א צופרידענעם שמייכל, און נאכדעם רעדט ער אריין אין טעלעפאן פריילך! די ארבעט פארט זייער געשמירט! געלויבט דעם אייבערשטן!

קוק עס אן, איך זע נאר א חורבן, גרובער און שמוץ, און ער איז אזוי פריילך. איך קום אהיים אין שטוב, איך קען קוקן אויפן באלאגן און שמוץ וואס עס ווערט ווען א קליין קינד לערנט זיך אויס זיך צו האלטן ריין, אבער פון די אנדערע זייט קען איך אויך זען א טייערע לעכטיגע נשמה וואס גייט איין טאג עס אויסוואקסן...

מיטן אייבערשטנ'ס הילף!



# איך ווער דערטראנקען

ג. פעקעטע

"וועלכע זאך, נאך וואס עס הייבט אן שימלען, ווערט עס צוריק פריש?" פרעגט די טאטע, חמשה עשר, ביי די פרוכט סעודה. די קינדער האבן זיך אלע געוואונדערט, און זיי האבן אנגעהויבן טראכטן פון ענטפערס, מען האט געזאגט: "אפשר פיש" "אפשר, סוכה ברעטער" "אפשר די אתרוג" און "אפשר א באטי". אבער קיינער האט נישט געקענט צוטרעפן די ריכטיגע ענטפער

די טאטע איז מסביר, אז א קערל וואס מען פלאנצט איין אונטער דער ערד הייבט אן שימלען, און ווען די שימל פראצעדור גייט אדורך, קען די קערל ערשט דאן אנהייבן צו וואקסן, און ארויסגעבן א בוים, בלום אדער פרוכט, געוואנדן לויט וועלכע קערל דאס איז

עס איז געווען אן אינטערעסאנטע חידה, וואס די קינדער האבן הנאה געהאט דערפון, די עלטערע האבן קלאר פארשטאנען, און די יונגערע האבן זיך געפריידט ווייטער צו לעקן פון די זיסע אתרוג קאמפאט

אז מען רעדט שוין פון די קערעלעך, האט מען אויך קלוגערהייט אריינגעפלאכן צווישן די וויצן, אז די זעלבע זאך איז מיט א נשמה; אסאך מאל פילט זיך די נשמה, ווי מען איז אין דער ערד, מען איז שוין פארשימלט, מען איז א פארדארבענער מענטש, אבער נאר דאן - ווען עס גייט אדורך די שווערע צייטן - און עס דערהאלט זיך אונטער די ערד, מען באוואסערט עס, און מען באגיסט עס מיט אסאך וואסער, מיט תורה, מיט טרערן פון תפילה, קען די קערל - די נשמה, אנהייבן וואקסן און בליען, ווי א פרישער נייער מענטש. דאס איז וואס דער הייליגער רבי געבט אונז, א וועג פאר יעדע נשמה צו בליען און וואקסן, אפילו מען איז שוין אין דער ערד

די קינדער האבן הנאה געהאט פונעם ווארט, און ווייטער געגאנגען מיט די שפיל פון קראכן וויצן

"פארוואס איז די קאץ אריבער די גאס?" פרעגט איינער. "פארוואס טאקע?" מען האט עס נישט געקענט צוטרעפן. מיט א גרויסע שמייכל ענטפערט דער פרעגער: "ווייל א קאץ, קען נישט פליען, האט ער געדארפט גיין!" און דער עולם האט זיך צולאכט

"וועלכע וויטאמין נעמען איין פיש?" פרעגט א צווייטער. א שווערע שאלה, מען האט פרובירט רעכטס און לינקס, 'אפשר פיש טעיל?' 'אפשר אמעגא 3?' וועלכע וויטאמין טאקע? די ענטפער איז וויטאמין סי- sea (סי אויף ענגליש איז א ים)!

עס איז געפלויגן וויצן, מיט פרייליכע פנימ'ער דערצו

"ווי אזוי זאגט מען א גוי'שע פיש?"

פרעגט איינער; דאס איז שוין געווען א שאלה וואס מען האט זיך געבראכן קאפ, קיינער האט נישט געקענט צוטרעפן די ריכטיגע ענטפער, ביז די ענטפער איז ארויסגעקומען "פש". יעדער קוקט אן מיין זון וואס האט געזאגט די וויץ, און מען פארשטייט נישט די פשט, מען פארשטייט נישט די באדייט, האט ער קלארגעשטעלט און געזאגט: "ווייל עס פעלט די פינטעלע יוד, פון די ווארט פיש, קען זיך עס נאר זאגן 'פש'". א גוטע וויץ, אלע האבן הנאה געהאט

"וועלכע באנדל קען נישט וואקסן?" האב איך צוגעלייגט, אין די טעמע פון חמשה עשר בשבט. מען טראכט און מען טראכט, וועלכע באנדל טאקע קען נישט וואקסן? באנדלעך וואקסן דאך אלע; אבער איינע פון די קינדער האבן יא געקענט גוט צופאסן, און אויסגעשריגן מיט גרויס שמחה: "א דזשעלי בין (jelly bean)!" עס איז געווען זייער פרייליך, די וויצן זענען געווארן קארני, און מען האט אנגעהויבן מאכן אלע מיני וויצן פון 'עפן אויף די לעדל, נעם ארויס א קייטל', און נאך אזעלכע סארט וויצן. ביז... מיין טאכטער האט אויסגערופן: "איך האב א גוטע וויץ!" און זי לייגט עס אזוי אראפ:

שטעל זיך פאר דו לויפסט אין א וואלד, דו לויפסט און לויפסט אין א וואלד, ווייל דו ביסט פארלוירן, ענדליך נאכן לויפן און לויפן פאר זייער לאנג, קומסטו אן צו א לעכטיגע ארט, און דארט זעסטו א גרויסע עפענונג, אבער אין פארנט פון דיר איז דא א גרויסע טיפע ים, קלערסטו צו זיך, זיך אויסצודרייען אויף רעכטס, אבער אויף רעכטס זעסטו א צוים וואס ציט זיך ארויף ביזן הימל; נו, אז מען דרייט זיך אויף לינקס זעט מען א וואלד פייער, וואס קומט אלס נענטער צו די פלאץ וואו דו שטייסט; "דריי זיך צוריק אויס, און לויף צוריק" האבן די קינדער געענטפערט, האט זי מסביר געווען אז ניין, "פון אונטן קומען ווילדע חיות וואס ווילן דיר פארציקן; וואס איז דיין עצה, וואס וואלסטו געטון אין אזא מצב?"

אפאר קינדער האבן פרובירט צו אויפקומען מיט א גוטע עצה. פארשטייט זיך די עצה איז, מען זאל בעטן דעם אייבערשטן זיך ארויסצודרייען פון די גרויסע פלאנטער; אבער אז מען ווייסט נישט פון רעדן צום אייבערשטן, קראצט מען זיך די קאפ מיט זוכן עצות. מען האט נישט געקענט צוטרעפן די עצה וואס זי האט זיך אויסגע'משל'ט ווען זי האט פארציילט די וויץ

ווען יעדער האט אויסגערופן אז זיי ווייסן נישט די ענטפער, און מיר ווארטן אלע צו הערן וואס טאקע קען מען טון, האט זי מיט א גרויסע שמייכל פון נצחון געענטפערט: "הער אויף זיך צו פארשטעלן"! מען קוקט איר אן אביסל צומישט, זאגט זי "יא יא, ווען איך האב אנגעהויבן זאגן די וויץ, האב איך אנגעהויבן מיט די ווערטער 'שטעל זיך פאר אז דו לויפסט און לויפסט און לויפסט' נו, יעצט אז דו שטייסט אין אזא גרויסע צרה, וואס קענסטו טון? און די ענטפער פאר די גוטע וויץ איז: 'הער אויף זיך פארצושטעלן, זיך צו אויס'משל'ען און חלומ'ען, וועסטו מער נישט זיין אין די צרה"

עס האט מיר מורא'דיג געכאפט די וויץ. ווען די אידן זענען געשטאנען ביים ים סוף, פון אלע זייטן איז געווען צרות, זיי האבן נישט געהאט קיין שום וועג ארויס, איז געקומען נחשון בן עמינדב און ער איז געווען דער ערשטער אריינצושפרינגען אין ים סוף, דאס איז געקומען פון א גרויס מסירות נפש, ווייל די מענטשליכע שכל האט געזאגט, אז פאר אונז איז יעצט נישט דא א וועג ארויס, זיי האבן אלע מתפלל געווען, אבער זיי האבן נאכנישט געזען די ישועה, ביז... עס איז געקומען נחשון, און ער האט גענומען א ווילדע שריט, א שריט וואס הייסט זיך אינגאנצן מבטל זיין, און זיך אינגאנצן פארלאזן. אז מיר גייען נאך צדיקים, און מיר לייגן אונזער אמונה אינעם אייבערשטן, וועט אונז אט די אמונה ברענגען אונזער ישועה

גלייך ווען מיר זענען זיך מבטל, און מיר זאגן 'באשעפער איך האב דא נישט קיין וועג, איך קען זיך נישט קיין עצה געבן, איך קען נישט טראכטן קיין וועג צו ווערן געראטעוועט פון די מצב' דעמאלט קומט אסאך ישועות

מיין טאטע האט מיר אמאל גע'עצה'ט, ווען איך האב זיך נישט געקענט אן עצה געבן מיט מיינע קינדער, אלס קימפעטארן, איך האב זיך אויסגערעדט צו אים אז די הויז פליעט, איך יאג נישט נאך די ארבעט, איך קום נישט אן צוצוגרייטן נאכטמאל, די וועש וואקסט נאר צו העכערע און גרעסערע בערג, און איך זעה נישט קיין וועג ארויס; האט ער מיר געזאגט טייערע ווערטער, וואס פירן מיר זייער ווייט אין לעבן, ער האט געזאגט: "ווער הייסט דיר טראכטן אז דו ביסט א מענעדזשער, הער אויף טראכטן אז דו דארפסט מענעדזשן, הער אויף זיך פארשטעלן אין דיין לעבן אז דו ביסט נאך אין קאנטראל, און דו טוסט עפעס, אדער דו מאכסט עפעס, ווייל אלעס איז אייבערשטער, אלעס פירט דער אייבערשטער, אלעס מאכט דער אייבערשטער, פארוואס דעמאלט זאלן מיר נעמען פרעשור און סטרעס, און זיך פרובירן אליינס אן עצה צו געבן, ווען עס איז דא א פירער וואס פירט שוין זיין וועלט אזויפיל לאנגע יארן, און ער ווארט אז מיר זאלן זיך נאר אינגאנצן פארלאזן אויף אים, און אזוי זענען מיר משפיע אויף זיך אזויפיל ישועות"

***

שידוכים איז אויך אזוי ווי קריעת ים סוף, אבער פארן אייבערשטן איז גארנישט שווער, עס איז נאר ווי עס זעט אויס פאר אונזערע אויגן; אזוי ווי דער ראש ישיבה חזר'ט אלס וואס מוהרא"ש האט אלע יארן געזאגט: עס איז דא פרנסות, עס איז דא דזשאבס, און עס איז אויך דא שידוכים, די פראבלעם איז נאר אז מענטשן זאגן עס אפ, זיי זאגן אז עס פאסט מיר נישט דאס, ס'פאסט מיר נישט יענץ, און וועגן אט די 'פאסטוך' טאקע, ווערט אסאך שידוכים, פרנסות און ישועות צושטערט.

מען דארף זיך איינבייגן די קאפ, און אראפגיין אביסל א שטאפל פון וואס מען וואלט ווען געוואלט, וועט מען זייער שנעל טרעפן די שידוך, באקימען די ישועה

אז מען וועט איינבייגן די קאפ, אראפגיין א שטאפל פון אייגענע כבוד, וועט מען שנעלער צוקומען צו שפירן דעם באו מים עד נפש - אזוי ווי ביי נחשון בן עמינדב - און נאר דאן, ווען די וואסער איז שוין אנגעקומען ביז די נאז, ווען מען געבט זיך אינגאנצן איבער צום אייבערשטן, קען זיך די וואסערן שפאלטן מיט'ן אייגענעם ישועה.

"הייליגער באשעפער העלף איך זאל מיין גאנצע לעבן איבערגעבן נאר צו דיר, פאלגן צדיקים, נאכגיין אין זייערע וועגן פון מסירת נפש און זיך מבטל זיין פאר דיר, און זיך נישט גרויסהאלטן קעגן דיר, נאר זיך אונטערבייגן פאר דיין **ווילן**, אז איך זאל קענען דורכגיין מיינע יארן אין זיך נישט דערטרינקען פון די שווערע **וואלן**"



די פעלזן פעסטע אמונה'דיגע לעבן פון
די העלדישע פרוי בתיה בארג עליה השלום
וואס האט זיך געהאלטן שטארק ווי אייזן
אינעם קאלטן רוסלאנד, פון וואס איר וועט
זיכער קענען ארויסנעמען חיזוק וויאזוי זיך
צו ספראווען מיט שוועריקייטן אין לעבן

# ווארעמע
# פרעסטן

**א העכסט דראמאטישע פארזעצונג**

אנגעהויבן קומענדיגע וואך בעז"ה



ש. טראכטער



# צען קינדערלעך צען וועלטעלעך

פארגאנגענע וואך בין איך אריין מיט מיין חני קויפן א פאר נייע שיך. אירע אלטע זענען ב"ה קליין געווארן. מיר האבן זיך ארומגעקוקט אין געשעפט צווישן די אויסוואל. די פארקויפערין איז העפליך צוגעקומען צו מיר און זיך אנגעטראגן איר הילף, וואס איך האב גערן אנגענומען.

ביז אפאר מינוט איז זי ארויסגעקומען מיט אפאר סארט שיך, אלע שיין דויערהאפטיג און געשמאק.

איך האב זיך אנידערגעזעצט מיט חני און אנגעהויבן פרובירן איין שיך נאכ'ן צווייטן.

ביז פינף מינוט האבן מיר געמאכט אן אויסוואל. "חני ביסט צופרידן?" האב איך געפרעגט,ווארטנדיג אויף איר אנטווארט.

חני האט געשמייכלט, יא זי איז זייער צופרידן. עס איז באקוועם און שיין און בכלל זאגט זי איז א שאד צו מאכן אן עסק אויף א שיך וואס וועט ביז אפאר חדשים ווערן קליין.

די פארקויפערין איז געשטאנען אין די זייט געפלעפט.

"איך בין נישט געוואוינט דערצו" האט זי אויפריכטיג געזאגט.

געווענליך נעמט עס א האלבע שעה מינימום ווילאנג מאמע און טאכטער פאראייניגן זיך אויף איין דעה, און דאס איז שוין געווענליך נאך א פשרה און טענה'ריי.

איך האב געשמייכלט מיט פארגעניגן, יא דאס איז מיין חני, א גוט קינד ב"ה.

"ווייזט אויס אז דאס איז די חינוך פון די מאמע" האט מיר די פארקויפערין פארגינען א קאמפלימענט.

איך האב געשמייכלט באשיידן. אפשר טאקע? יא, איך פרוביר צו האלטן א שטארקע דרך ארץ אין שטוב, אזויווי דער ראש ישיבה שרייבט כסדר אין די חינוך גליונות.

שכח אייבערשטער, איך נעם נישט די קרעדיט פאר מיר, אבער ווייזט אויס אז איך טויג יא! די שיעורים גייען אריין, יא, איך קען געבן א שיינע חינוך...

די פארקויפערין ענדיגט צו, "אזא קינד איז א מתנה."

יא, שכח אייבערשטער. מיינע קינדער זענען מתנות. חני איז טאקע א גוט קינד, טאקע א מתנה.

מיט א צופרידענע געמיט האב איך באצאלט, צוזאמגעפאקט די שיך און מיט א ליבליכע שמייכל צו מיין טייערע חני זענען מיר ארויס פון געשעפט.

נו, נו.... ויהי היום, עס איז געקומען די טאג, קוים צוויי וואכן שפעטער.

אצינד איז אסתי'ס רייע. אירע שיך האבן זיך צעריסן בשעת'ן שפילן אין שולע. "מאמי איך דארף דרינגענד נייע שיך" האט זי מיר געמאלדן נאך איידער זי האט געהאט צייט אויסצוטון איר מאנטל.

איך האב געגעבן א קוק אויף איר פיס און געזען אז זי איז גערעכט, זי דארף נייע שיך, און שוין היינט.

איך האב געווארט אז מיין עלטערע טאכטער זאל אהיימקומען און איר געזאגט אז איך וועל דארפן ארויסלויפן אויף "געציילטע מינוטן" איינהאנדלען נייע שיך פאר אסתי.

איילנדיגערהייט זענען מיר ארויס צום זעלבן געשעפט ווי איך האב פארברענגט קוים צוויי וואכן צוריק. איך האב געהאט גוטע ערפארונג דארט. פופצן מינוט איז געווען די גאנצע געשעפט מיט חני, מילא האב איך געהאפט אויף אן ענליכע ערפארונג.

איך בין אריין אין געשעפט, די פארקויפערין האט מיר געדענקט. "א גוטן" האט זי מיר העפליך באגריסט. זי האט זיך נאכגעפרעגט וואס איך דארף היינט און וואוסענדיג אז מיר זענען גרינגע קונים מיט מחונך'דיגע קינדער (שכח אייבערשטער) האט זי ארויסגעברענגט אפאר שיך צו פרובירן.

אבער דא האט זיך די מעשה הערשט אנגעהויבן.

ניין אסתי איז נישט געווען צופרידן. דאס איז צו ווייך און דאס איז צו הארט, דאס איז אלט מאדיש און דאס האט א מיידל אין איר שולע, אויף ווערמען זי האט געגאסן אן אום חן.

זי וויל דוקא די שיך מיט די בלויע ליין (פאס), אבער די געשעפט אייגנטומערין האט עס מער נישט געהאט.

אויך האט זי געהאט טענות (בכלל נישט שטילע טענות... אלע האבן מיטגעהאלטן) פארוואס איך קום צו די געשעפט, אלע מיידלעך ווייסן אז די געשעפט האט נישט קיין שיינע שיך, עכטע שיינע שיך קויפט מען ביי "שיך וועלט".

איך האב שטיל געשלינגען די בושות און פרובירט מיט אלע מיטלען אנצוהאלטן אלע חינוך טאקטיקן אבער אן ערפאלג.

"אייבערשטער מאך א נס" האב איך שטיל געבעטן, "איך זינק פאר בושה."

איך האב זיך איינגעהאלטן מיט אייזערנע קייטן נישט צו פארשעמען מיין אסתי (יישר כח ראש ישיבה פאר די חינוך שיעורים), אבער איך האב געשפירט ווי מיין סבלנות האלט זיך


קענסט דיך בעעטן ביים קאסטומער צו קומען קויפן, אדער עפן א וועבסייט און ער קומט אליין צו לויפן.
dominogrp.com
347-853-9830
hello@annexny.com
annexny.com
annex

ביים אויסלאזן

די פארקויפערין האט מיר געוואלט העלפן און כסדר ארויסגעברענגט מער שיך. איבער א שעה האב איך דארט פארברענגט, בשעת מיין טייערע אוצר ווערט מער און מער צעהיצט.

זי האט זיך נישט אפגעהאלטן פון זאגן אירע מיינונגען ברבים צווישן אנדערע מענטשן, בשעת איך זיץ און זינק פאר בושה.

קונים זענען אריין אין געשעפט, געקויפט זייער שיך און ארויס. און דערווייל זיץ איך דארט א שעה און מער און מיין מציאה'לע קען זיך נישט דערוועלן.

"מען קען מיינען זי קויפט א הויז" האט מיר א ווייבל שטילערהייט אריינגעווארפן.

איך האב געברענט פאר בושה..

"דו דארפסט זיין מער פעסט" האט א עלטערע קונה מיר איידעלערהייט אויפגעקלערט. "איך בין אויך אמאל געווען אין די יארן פון קינדער, די היינטיגע מאמעס זענען צו ווייך."

שכח אייבערשטער..

יא, איך בין די זעלבע מאמע וואס האט צווי וואכן צוריק געשמייכלט באשיידן אז איך האב ארויס חינוך...

די פארקויפערין האט מיר אנגעקוקט מיט רחמנות, זי איז צוגעקומען צו מיר און מיט מיטלייד געזאגט אז זי שפירט שלעכט אבער די געשעפט דארף שוין שפארן.

איך שטיי אינדערמיט. וואס טו איך? איך האב נישט קיין פאסיגע שיך, מיין אוצר שאפט מיר בושות, איך שפיר ווי א דורכפאל מאמע, א חינוך קאטאסטראפע...

און איך דערמאן זיך פון חני... "שכח אייבערשטער פאר די מתנה."

איך טרעף זיך אצינד אויך מורמלען, "שכח אייבערשטער פאר די מתנה."

יא אסתי איז אויך א מתנה. טאקע א אנדערע סארט ווי חני, אנדערע איינפאק פאפיר, אבער פארט די זעלבע מתנה. א טייערע לעכטיגע נשמה וואס האדעוועט זיך ביי מיר אין שטוב. א נשמה וועמען איך וועל מיט תפילה און סבלנות שיין אויסגלאנצן בעז"ה...

צום סוף זענען מיר ארויס מיט שיך, אבער מער פון דעם בין איך ארויס מיט א לימוד.

דער ראש ישיבה זאגט כסדר אז די איינציגסטע כלל אין חינוך איז אז עס איז נישט דא קיין כלל. אויך הערן מיר כסדר אז "קינדער זענען נישט קיין נחת מאשין..." מיר ערציען זיי נישט כדי זיי זאלן מיר מאכן שטאלץ און ברענגען כבוד אין גאס.

מיר ערציען זיי ווייל דער אייבערשטער האט מיר געגעבן די זכות און מיר מזכה געווען צו זיין די "אויפציערן" פון די טייערע און הייליגע נשמות.

נישט קיין חילוק אויב זיי ברענגען מיר כבוד אויף די מינוט אדער נישט, וועל איך מתפלל זיין אז איך זאל זיי קענען ערציען צו זיין ערליך און הייליג און לעבן מיט יראת שמים און אהבת ה'.

עס גייט נישט אין א טאג. און די סטעמפל פון סוקסעספול חינוך איז נישט אויב די אייגנטומערין פון שיך געשעפט רופט אויס מיט התפעלות, "אך, מען זעט אייער חינוך..."

יא, מיר זענען אלע מענטשן און אוודאי שמעקט א גוט ווארט, אבער חינוך, ווי דער ראש ישיבה דערמאנט כסדר איז אז דאס קינד געדענקט פון באשעפער צען, פופצן און פופציג יאר נאך די חתונה. דאס הייסט חינוך.

איך האב אמאל געהערט א גוט ווארט פון א קלוגע פרוי וואס האט געהאט צווי טעכטער איין יארגאנג נאך די צווייטע.

די עלטערע טאכטער איז געווען א "נחת!" די לערערינס האבן איר כסדר גערימט. אויך איר צווייטע טאכטער איז געווען ספעציעל, אבער אנדערש, זייער אנדערש. נישט דווקא דאס וואס די לערערינס האבן געזאגט "אך, מען זעט די חינוך... (דערווייל...)

איין יאר גייענדיג אין גאס אפאר טעג איידער די סקול יאר האט זיך אנגעהויבן, האט די פרוי געטראפן די לערערין וואס האט געהאט איר עלטערע טאכטער פאראיאר.

"מרת גרינבערג," זאגט זי מיר פרייד, "איך זע אז די קומענדיגע יאר וועל איך האבן די זכי' צו האבן נאך א טאכטער פון אייך."

דערנאך האט זי צוגעלייגט, "אייער טאכטער איז דאך געווען ממש אויסנאם. איך ווארט שוין קוים צו האבן נאך א "בריינדי" אין מיין קלאס.

מרת גרינבערג האט זיך צושמייכלט און געזאגט פאר די לערערין, "לאמיר אייך נאר זאגן אז בריינדי איז נישט מיין קרעדיט און סערי (וועמען דו וועסט האבן די קומענדיגע יאר) איז נישט מיין שולד!"

ביידע זענען מתנות, איין מאמע, מיט צען קינדער און צען אנדערע וועלטן! די זעלבע פלעגונג, די זעלבע מדות דרשות, די זעלבע סדר היום און דאך איז יעדער אזוי אייגנארטיג.

ווייל יעדעס קינד האט זייער תפקיד, זייער ציל און צו דעם האבן זיי באקומען זייער אייגנארטיגע כוחות און כשרונות און מדות...

און איך אלץ מאמע האב אויך באקומען די אייגנארטיגע געצייג צו העלפן יעדעס קינד שיינען דאס מערסטע וואס זי קען.

אלע זענען מתנות. שכח אייבערשטער. און איך בעט דיר כח טאטע, דאס צו אנערקענען און נישט פארגעסן. ■




# וואס חלומ'סטו?!...

ווארטס מיט שפאנונג אויף די פארמעסט רעזולטאטן...

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט אמאל געפרעגט ר' נתן: "וועסטו ריץ רויט פארן אייבערשטן?"

## ברסלב'ע חידות

**דער הייליגער תנא עקביא בן מהלל האט געזאגט פאר די חכמים: איך וועל ענדערש זיין א שוטה מיין גאנץ לעבן, ווי צו זיין**

א. א נארמאלער מענטש
ב. א שיינע איד
ג. א רשע פארן אייבערשטן איין מינוט
ד. א שוטה האלב פון מיין לעבן

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי זאגט: דער עיקר פון תשובה איז, ווען מען באקומט בזיונות און מ'ענטפערט נישט צוריק

## געב א שמייכל

**וואס געשעט ווען א פינקע עלעפאנט פאלט אריין אין וואסער?**

[illegible]

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**לח. מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה, בְּוַדַּאי חֻקּוֹת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶצְלוֹ נִמְאָס.**

וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה, אִיז זִיכֶער אַז דִי מִצְוֹות פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קֵיין טַעַם דֶערוֹיף, זֶענֶען בֵּיי אִים נִמְאָס.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)



בילד פון פארגאנגענע וואך: **אליעזר שלמה בירנבוים - קרית ברסלב**

# מַעֲשֶׂה'לעך פַאר קִינְדֶערְלעך

## מְיַחֵד זַיין יִחוּדִים

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דִי וָואךְ וֶועלְן מִיר דֶערְצֵיילְן פוּן רֶבִּינְ'ס קִינְדֶער יָארְן. וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְג קִינְד הָאט עֶר גֶעוָואלְט מְקַיֵּים זַיין דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִים טז, ח): "שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד", שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אַלְץ גֶעטְרַאכְט פוּן דִי שֵׁם הֲוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא.

לָאמִיר פְּרוּבִּירְן צוּ זֶען וִוי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט, לָאמִיר פַארְמַאכְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן אוּן טְרַאכְטְן פוּן דֶעם אוֹת יוּ"ד, יֶעצְט פוּן דֶעם אוֹת הֵ"י, יֶעצְט אוֹת וָי"ו אוּן אוֹת הֵ"י.

יֶעצְט לָאמִיר טְרַאכְטְן פוּן אַלֶע פִיר אוֹתִיּוֹת אִינְאֵיינֶעם, דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶעס מָאל מֶען טְרַאכְט פוּן דִי פִיר הֵיילִיגֶע אוֹתִיּוֹת י-ק-ו-ק אִיז מֶען מְקַיֵּים אַ מִצְוָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ תַּעֲנוּג יֶעדֶעס מָאל מֶען אִיז מְיַחֵד אַ שֵׁם, דָאס פְּלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טוּן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אַלְס קְלֵיין קִינְד.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזִיצְן אִין חֵדֶר בִּשְׁעַת דֶער מְלַמֵּד פְלֶעגְט פָארְלֶערְנֶען גְמָרָא הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ פַארְטְרַאכְט אִין דִי הֵיילִיגֶע אוֹתִיּוֹת, זַיין מְלַמֵּד הָאט נִישְׁט גֶעוְוּסְט פַארְוָואס דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן חָלוֹמְ'ט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוְוּסְט וָואס דָא טוּט זִיךְ, עֶר פְלֶעגְט שְׁרֵייעֶן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן עֶר זָאל נִישְׁט חָלוֹמְ'עֶן. מִיר וֵוייסְן אָבֶּער אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶע'חָלוֹמְ'ט פוּן נַארִישְׁקֵייטְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט פוּן "שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַפָּאר זַאכְן, 1) דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן טְרַאכְטְן דֶעם שֵׁם הֲוַיָ"ה. 2) דָאס אִיז אוֹיךְ פַאר קִינְדֶער, קְלֵיינֶע קִינְדֶער קֶענֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע זַאכְן. 3) יֶעצְט וֵוייסְן מִיר שׁוֹין וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְיַחֵד יִחוּדִים.

מִיר קֶענֶען דָאס אוֹיךְ טוּן; מֶען טְרַאכְט פוּן אוֹת י', פוּן אוֹת ה', אוֹת ו' אוּן אוֹת ה'; עֶס אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, אַ שָׁאד מִיר זָאלְן דָאס נִישְׁט טוּן. 4) מִיר לֶערְנֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים, אַ צַדִּיק טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר חָלוֹמְ'ט - וֵוייסְן מִיר אַז עֶר טְרַאכְט פוּן אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא.




"וָואס חָלוֹמְ'סְטוּ?!"

# קינדער דערציילן

מעשיות פון תפלה

שיקט אריין אייער מעשה
פון תפלה צו:
845.379.1161

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן צו געווינען די ראפל פון אבות ובנים מוצאי שבת אין שול.

שכח אייבערשטער איך האב געוואונען.

*נחמן נתן פעקעטע, מאנסי*

מיין גלעזער האט זיך צובראכן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל מיר קויפן נייע, שכח אייבערשטער מיין טאטע האט געקויפט.

*אליעזר שלמה וועבערמאן,*
*קרית ברסלב*

1. איך האב געזוכט א געוויסע טוי, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, איך האב צוגעזאגט אז איך גיי דאס אריינגעבן פארן קרית ברסלב בלעטל.

שכח אייבערשטער איך האב דאס געטראפן ליגן אינטער די טויס.

2. איך האב געהאט א גלאוב, איך האב עס איבערגעלאזט אויפן באס, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל נאכאמאל אנקומען אויף יענעם באס און עס טרעפן דארט. שכח אייבערשטער איך בין נאכאמאל אנגעקומען אויף יענעם באס און עס געטראפן דארט ליגן.

3. איך האב פארלוירן וויכטיגע שליסלען, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען טרעפן, שכח אייבערשטער איך האב עס געטראפן.

*אברהם יצחק פוקס קרית ברסלב*

**שיקט אריין די ענטפערס פון די ברסלב׳ע חידות, א שיחה אין א בילד, א מעשה פון תפילה, א מעשה פון תפילה געמאלן.**

**צו הערן די גורלות פון די פריערדיגע חדשים**
**רופט קול ברסלב 212-444-9191 #5 #6**

# געמאלן

## א מעשה פון תפלה



וָואס טוּט מֶען
דָא?
דִי טֶעלֶעפָאן
אִיז צוּבְּרָאכְן



אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף
מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ
טֶעלֶעפָאן וָואס
אַרְבֶּעט גוּט



שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער
מִיר הָאבְּן אַ נֵייעֶ הֵיים
טֶעלֶעפָאן

געמאלן דורך:
חי' וועבערמאן תחי'
קרית ברסלב



אוֹי! דִי טְשׁוּלֶענְט
גִיסְט זִיךְ אוֹיס



אֵייבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף קֵיינֶער
זָאל זִיךְ נִישְׁט
אָפְּבְּרִיעֶן



שְׁכֹּחַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
קֵיינֶער הָאט
זִיךְ נִישְׁט
אָפְּגֶעבְּרִיעֶט

געמאלן דורך:
חי' קליטניק תחי'
בארא פארק

שיקט ארייַן אייער מאלעריי צו:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# מִשְׁפַּחַת גְּלִיק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

פארִיגֶע מָאל הָאט מֶען פַּארְצֵיילְט פוּן וֶועלְוֶועלֶע וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין חֵדֶר אָן קַיין מַאנְטְל..

יֶעצְט לֵיינְט וַוייטֶער: זִיצְנְדִיג אִין קְלַאס הָאט מַיין נָאז גֶענוּמֶען רִינֶען אוּן אִיךְ הָאבּ נָאכְאַנַאנְד גֶעדַארְפְט נִיצְן נָאךְ אוּן נָאךְ טִישׁוּ'ס

"הֶע, דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען מִיט אַ מַאנְטְל" - הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפֶּעט פוּן מַיין חַבֶר מוֹשִׁי - "פַאר מִיר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַאלְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר מַיין מַאמֶע אַז אִיךְ דַארְף נִישְׁט אַ מַאנְטְל, עֶס אִיז סְתַם אַ נַארִישֶׁע בֶּעבִּישֶׁע זַאךְ!"

נָאךְ לָאנְטְשׁ אִיז דֶער רֶבִּי צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּן גֶעזָאגְט: "וֶועלְוֶועלֶע, דוּ זֶעסְט מִיר אוֹיס פַארְקִילְט אוּן אִיךְ מֵיין אַז דוּ הָאסְט פִּיבֶּער"

עֶר הָאט גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין שְׁטֶערְן אוּן בַּאשְׁטֶעטִיגְט - "יָא, דוּ הָאסְט פִּיבֶּער אוּן דוּ דַארְפְסְט שְׁנֶעל אַהֵיימְגֵיין, לָאמִיר קָאלְן דַיין טַאטְן".

בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אִיז מַיין טַאטֶע גֶעקוּמֶען צוּזַאמֶען מִיט מַיין מַאנְטְל אוּן מִיר אַהֵיימְגֶעפִירְט..

אִיךְ בִּין גְרָאד אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין בֶּעט אָן כֹּחַ..

מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַ וַוארֶעמֶע טֵיי אוּן אַ מֶעדֶעצִין אַרָאפְּצוּקְלַאפְּן דִי פִּיבֶּער.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי גֶעשֶׁעמְט פוּן מַיין מַאמֶע. פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעהַאלְטְן קְלוּגֶער פוּן אַ מַאמֶע, אַ זֶעקְסְ'יֶערִיגֶער אִינְגְל פַארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער פוּן אַ מַאמֶע?

אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט הַיינְט צוּפְרִי, אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי בֶּעסֶער אוּן אִיךְ הַאלְט אַז מֶען דַארְף נִישְׁט אַ מַאנְטְל.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר חֲרָטָה גֶעהַאט אוּן זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אַז פוּן הַיינְט אָן וֶועל אִיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז אַ מַאמֶע פַארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער, אֲפִילוּ פוּן אַזַא קְלוּגֶער אִינְגְל וִוי אִיךְ - וֶועלְוֶועלֶע גְלִיק, וָואס אַלֶע זָאגְן אֵייבִּיג אַז עֶר הָאט אַ שַׁארְף קֶעפְּל.

נָאךְ אַפָּאר טֶעג לִיגְן אִין בֶּעט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶענְצְלִיךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט אוּן צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּ דִי כֹּחוֹת.

אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן גֶעזֶען צוּ מַיין גְרוֹיס בַּאדוֹיעֶר אַז אִיךְ הָאבּ פַארְפַּאסְט צוּ לֶערְנֶען דִי "וַאֲנִי" וָואס אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אוֹיף דֶעם אַ גַאנְץ יָאר, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעטְרֵייסְט אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעלֶערְנְט אַן אַנְדֶערע וִויכְטִיגֶע לֶערְנוּנְג, "צוּ פָאלְגְן אֲפִילוּ מֶען טְרַאכְט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער!"

לָאמִיר יֶעצְט אַרִיבֶּערְגֵיין צוּ מֶענְדִי מֶענְדִי פַארְצֵיילְט: "זֵייעֶר פֵיין קִינְדֶער, פַּאקְטְ'ס אַוֶועק דִי הֵיילִיגֶע חֻמָּשִׁים אוּן מֶען גֵייט צוּ לָאנְטְשׁ", זָאגְט דֶער רֶבִּי..

אִיךְ הָאבּ גֶעקוּשְׁט דִי הֵיילִיגֶע חוּמָשׁ, עֶס אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אִין שַׁאנְק אוּן אַרוֹיס פוּן קְלַאס צוּם לָאנְטְשׁ רוּם, אַלֵיין.

פִּנְחָס אִיז גֶעגַאנְגֶען פַארְבְּרֶענְגֶענְדִיג מִיט יְשַׁעְיָה, אַהַרְ'לֶע מִיט יַאנְקִי, סֶענְדֶער מִיט שְׁלֹמֹה חַיִים, בֶּערִי מִיט אָשֶׁר אוּן אַזוֹי אִיז יֶעדֶער אֵיינֶער, יֶעדֶער אִינְגְל הָאט אַ נָאנְטֶער חַבֶר, נָאר אִיךְ בִּין אַזוֹי אֵיינְזַאם.

פַארְוָואס וִויל קֵיינֶער נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין אִינְאֵיינֶעם מִיט מִיר? פַארְוָואס וִויל קֵיינֶער נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן מִיט מִיר? אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט חֲבֵרִים, אַזוֹי וִוי אַנְדֶערֶע פְרַיינְדְלִיכֶע אִינְגְלֶעךְ, אוּן נִישְׁט זַיין אַזוֹי בַּאזַייטִיגְט.

אִיךְ וֶועל יֶעצְט פְּרָאבִּירְן אַנְטֵיילְצוּנֶעמֶען אִין דִי שְׁמוּעֶס בַּיים טִישׁ, אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ זֶען אַז אִיךְ קֶען יָא זַיין אַ חֵלֶק פוּן קְלַאס אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען גֶעשְׁמַאק, הַלְוַואי!

ל. סאקס

מְמְמְ... עֶס פֵּיינֶע לָאקְשְׁן, עֶס הָאט
אַן אַנְדֶערֶע טַעַם וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ.

אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעסְן מִיט אַפֶּעטִיט
און זִיךְ צוּגֶעהֶערְט וָואס דִי
אִינְגְלֶעךְ אַרום מִיר שְׁמוּעֶסְן.

"פֶּעךְ..." הָאט אֵיין אִינְגְל
אַוֶועקְגֶעשְׁטוּפְּט זַיין טֶעלֶער.
אִיךְ וִויל נִישְׁט זָאגְן זַיין נָאמֶען

וַוייל עֶס אִיז לָשׁוֹן הָרָע
"טַאקֶע, דֶער נֵייעֶר קֶעכֶער קָאכְט
נִישְׁט גוּט, דִי לָאקְשְׁן הָאט נִישְׁט
קַיין טַעַם!"

"בִּכְלַל, עֶס שְׁמֶעקְט פוּן דֶעם..."
עֶר הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט
אוֹיפְן נָאז

"און קוּק דִי קָאלִיר, עֶס אִיז אַזַא
פָּאנִי קָאלִיר!"

פְּלוּצְלוּנְג הָאבְּן אַלֶע אִינְגְלֶעךְ
אַוֶועקְגֶעשְׁטוּפְּט דִי טֶעלֶעְר'ס,
וָואס אִיז גֶעשֶׁען? וַוייל אֵיין אִינְגְל
הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט
גֶעשְׁמַאק?

אי"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ
אַייךְ דֶערְצֵיילְן וָואס אִיז וַוייטֶער
גֶעוֶוען.



# קליין און בוין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM


אסתר מינדל ניימאן


נחמן יאקאבאוויטש


פרי 1 ע' שטעטל סקול


נפתלי און מרדכי העסקעל


פרי 1 ע' שטעטל סקול


פייגי בוים


פייגי ראטה און צפורי בירנבוים




# LOOK! WE'RE OPEN

**OPEN MONDAY & THURSDAY, 12-5**

CARING FOR ALL YOUR
OPTICAL NEEDS, ALL YEAR ROUND.

EYE DOCTOR
ALL YEAR ROUND

845.482.9394 | REFUAHHEALTH.ORG
36 LAUREL AVE. SOUTH FALLSBURG, NY 12779

OPTICAL AT
RefuahHealth

1885 NY-52 LIBERTY, NY 12754 | 845.482.5008

# געשעעניש

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**דער דיין שליט"א ביים ציון פון רביה"ק מסאטמאר זצוק"ל אין קרית יואל - ה' וארא תשפ"ה**



**פרישע שיפמענט פון אשר בנחל חלק ב' אנגעקומען אינעם בית הדפוס אין שטעטל**



**ווייטערדיגע פארשריט ביי די ארבעט פאר די עקסטענשן צום האשקי שול אין שטעטל**




לחיים ווארט תנאים פון החתן שמעון פיש נ"י - ג' בא תשפ"ה




החתן שמעון פיש נ"י ביים זיך ווינטשן מזל טוב ביי האדמו"ר מבאבוב שליט"א - ד' בא תשפ"ה



אנשי שלומינו ביים מנחם אבל זיין מו"ה אברהם
טיקאלסקי הי"ו נאך זיין ברודער וואס איז אוועק ל"ע



דער ראש ישיבה שליט"א ביים אויסטיילן אשר בנחל
חלק ב' פאר די נדבנים פונעם ספר



היסטאריע!
כאפט אייך
נאכאמאל אריין
צו מוהרא"ש
אין צימער
ספר
אשר בנחל
אידיש
מהדורת מארקאוויטש
חלק ג
זכות
אשר בנחל
$500
פארבינדט אייך
היינט מיטן גבאי
מו"ה לייבי ראטה הי"ו
347-578-4449
קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם